STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01517

INZSHENERN FUN NESHOMES

Alexander Pomerantz

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Morris J. & Gloria R. Garber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינזשענערן פון נשמות

די שרייבער און ביכער פון דער
אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור

פון א. פאָמעראַנץ

ניו יאָרק • 1943

INSZENERN FUN NESHOMES

By A. POMERANTZ

New York **1943**

אַ בריוו צו די לייענער

„אינזשענערן פון נשמות" איז מיין צושטייער צום גרויסן יום־טוב פון 25 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי דאָס זיינען אויך געווען די פריערדיגע ביכער „א מיידל פון מינסק", „קאַווקאַז", „צעריסענע קייטן".

אין א געוויסן זין איז עס א פּיאָנערן־אַרבעט: די ערשטע גרעסערע אָפּהאַנדלונג אין אַמעריקע וועגן דער אידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אגב, איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא נאָך ביז איצט ניט דערשינען קיין פולע געשיכטע פון דער אידישער נאָך־אָקטאָבער ליטעראַטור.

אין די ראַמען פון דער באַגרעניצטער זייטן־צאָל פון דעם בוך האָב איך געקאָנט רעאַליזירן די טעמע בלויז אויף אן ענציקלאָפּעדישן אופן. אפילו ניט געקאָנט אַריינגעבן די נאָך־לאַנג־צוריק אָנגעשריבענע גרעסערע אַרבעטן וועגן איינצלנע ביכער און שרייבער, קריטיקער, קינדער־ליטעראַטור, א. אַנד., ווייל פאַר דעם וואָלט זיך געפאָדערט נאָך עטלעכע הונדערט זייטן. אויך וואָלט דאָס צעשטערט דעם כאַראַקטער פון דער סעריע ביכער, וואָס זיינען, אָדער שטרעבן צו זיין צוגענגלעכער מאַטעריאַל פאַר אַ מאַסן־לייענער.

די אַזוי־גערופענע „שווערע אַרטילעריע", די מער גרינטלעכע און מער אויספירלעכע אַרבעטן וועגן דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָף איך אָפּצודרוקן ביי אן אַנדער געלעגנהייט, אפשר אין בעסערע צייטן, צוזאַמען מיט גרעסערע עסייען וועגן די אידישע קלאַסיקער און וועגן די אַמעריקאַנער שרייבער.

דאָס קומענדיג און לעצט פון דעם „5 ביכער־פּלאַן" וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז „אַ רייזע אין דער צוקונפט", וואָס וועט טאַקע באַשטיין הויפּטזעכלעך פון רייזע־באַשרייבונגען.

מיין האַרציגסטער חברישער דאַנק צו אַלע אָרגאַניזאַציעס און איינצלנע מענטשן, וואָס האָבן געהאָלפן און וועלן העלפן אין דער פאַרשפּרייטונג פון די ביכער. אַדרעסירט:

A. Pomerantz, 314 Garfield Pl., Brooklyn, N. Y.

אָדער קער־אָף „מאָרגן־פרייהייט".

א. פּאָמעראַנץ.

די פּען שטייט ניט אָפּ פון דער ביקס

די פּען שטייט ניט אָפּ פון דער ביקס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס האָבן מיר געזען פון די קוילן־פייערדיגע, סנאַיפּער־שאַרפע, באָמבע־אויפרייסנדיגע שאַפונגען פון איליאַ ערענבורג, שאָלאָכאָוו, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, בערגלסאָן, עפשטיין, פעפער, קוויטקאָ, האָפשטיין, דאָברושין, בראָדערזאָן, גראַדע, מאַרקיש א. אנד.

ביכער זיינען וואפן, האָט געזאָגט פּרעזידענט רוזוועלט. „ביכער זיינען קוילן” איז דער נאָמען פון אַ ראַדיאָ־שטונדע. „אַ גוט ליד איז אַ נויטיג געווער אין דעם אַרסענאַל פון יעדער אַרמיי, וואָס קעמפט פאַר אַ גערעכטער זאַך”, האָט געשריבן דער סאָוועטישער רעצענזענט פון אַ בוך אַמעריקאַנער מלחמה־לידער. און אַ גלענצנדיג וואפן און געווער איז דעריבער דאָס נייסטע לידער־בוך פון פּ ר ץ מ אַ ר ק י ש: „אַ טויט די קאַניבאַלן!”, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט” האָט איצט באַקומען, כאָטש עס איז דערשינען נאָך אין 1941, עטלעכע חדשים נאָכ'ן פאַשיסטישן איבערפאַל.

פּרץ מאַרקיש

ניט נאָר מאַרקיש, נאָר די גאַנצע אידישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט זיך מיט׳ן בוך דערהויבן צו אַן אומגעוויינטלעכער קינסטלערישער הויך. ווייל מאַרקיש איז ניט קיין געוויינטלעכער פּען־קעמפער, נאָר אַ פּאָוליטשענקאָ־סנאַיפּער, אַ שאָסטאַקאָוויטש־קינסטלער. זיין בוך „אַ טויט די קאַניבאַלן!" וואָלט איך אפילו ניט פאַרגליכן צו אַ געוויינטלעכן באָמבער, נאָר צו אַ „פליענדיגער פעסטונג". און ניט אומזיסט געפינט מען אין בוך אַ סעריע וואונדערלעכע לידער וועגן לופט־קאַמפן און לופט־אַלאַרמס.

די טעמע, די אידייען, דער אינהאַלט און ציל פון די לידער איז — אַ טויט די קאַניבאַלן! (אַן געגנזנפיסלעך) — פאַרשטאַרקן דעם האַס, וועקן דעם צאָרן געגן די קאַניבאַלן און פאַרשטאַרקן די ליבשאַפט פאַר די רויטע אַרמייער, פאַר׳ן קאַמיוג, פאַר די פאַרטיזאַנער, פאַר׳ן באַוואָפנטן פאָלק, פאַר מאָסקווע, פאַר׳ן פאַרוואונדעטן רויטאַרמייער, פאַר דעם סאָוועטן־לאַנד, פאַר׳ן פוילישן פאַרטיזאַן, פאַר אַלע אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער.

פאַר דעם צוועק האָט מאַרקיש אויסגענוצט אַלע פאַרבן אויף זיין פּאַליטרע, זיין גאַנצן בילדער־, געפיל־ און געדאַנק־רייכטום: פּאַטאָס, סאַטירע און הומאָר, ליריק, פאָלקס־טאָן, די באַלאַדע, די פּאָעמע, די אָדע,— אַלע פאָרמען און מיטלען פון זיין פּאָעטישן אַרסענאַל. די אומגעוויינטלעכע טעמע האָט ער פאַרקערפּערט אין אומגעוויינטלעכע, שטאַרקע און איינדרוקספולע, אָריגינעלע בילדער פון האַס און ליבע, פון „הייליגן צאָרן" און „אויפגעפלאַטערטער ליבשאַפט", ווייל

מיט צאָרן הייליגן, מיט ליבשאַפט אויפגעפלאַטערט,
קאָן איצט קיין בוים ניט בלייבן רואיג אין דער ערד;
ווייל אומעטום—אין פעלד, אין שטאָט ביי די וואַרשטאַטן
דער שלאַכטיגער „הוראַ" פון שלאַכטפעלד זיך הערט!

ווייל יעדער איז פאַרפאַנצערט, „מיט פייער פון פאַראַכטונג צום שונא", מיט „האַס צום פיינט—פון דר׳ערד ביז צו די שטערן", מיט „געלייטערטער פאַראַכטונג צו דעם טויט" און „בלוטיגער פאַרליבטקייט אינ׳ם לעבן"; ווייל דער סאָוועטישער „ענטפער" ווערט געגעבן „אין לעגענדאַרער פאַראַכטונג צו דעם טויט און אין די שלאַכטן לעגענדאַרע פאַר דעם לעבן!"; ווייל לויט מאַרקיש׳ן קאָן „ליבשאַפט נאָך זיין פאַרניכטנדיגער פונ׳ם טויט און פריידיגער און שטאַרקער פונ׳ם לעבן".

מאַרקיש׳עס ברענענדיגער האַס צו די קאַניבאַלן ווערט אויסגעדריקט מיט נביא׳ישן פּאַטאָס:

וועסט אפשר, לץ, פאַרוואַנדלען דיין לויה
בלויז אויף אַ וויל אין קרייצצוגדיגער מעסע,
איז פריי זיך טעמפ
מיט שייטערס אויפגעהויבענע, ווי קופלס ביר,

און מיט געדעמף,
און מיט פּאַרניכט!

באַמערקט דעם פּסוקים׳דיגן סטיל. דאָ האָט איר אויך אַ שטאַרק־אָריגינעל קאַרטון־מעסיג בילד פון די נאַצישע „שייטערס אויפגעהויבענע, ווי קופּלם ביר״. מאַרקיש שילט די פאַשיסטישע קאַניבאַלן מיט נאָך שטאַרקערע ווי תוכחה־קללות:

מיט אייער טויטן לייב זיך מיאוסין וועלן ציין
פון סאַמע הונגעריגסטע היינט, היענעס און שאַקאַלן!

אָדער ער זאָגט: „דער ערד צעעפּענען איר טראַכט פאַר אייער לייב זאָל זיין פאַרבאָטן!״ דער דייטשער „פערבאָטען״ ווערט דאָ באַנוצט אין אַן איראָנישן זין. אַן ענלעכן וואָרט־שפּיל געפינען מיר אויך אין מאַרקיש׳עם שורות: „פאַרוויל דאָס פאָלק, געקרוינטער לץ, מיט שרפה שכור׳ער, מיט שייטערהויפנס שוואַרצע! און זאָל כאָטש שרפה ל י י כ ט ן דאָרט, וואו גאָרניט ל י י כ ט זיך!״

פול מיט סאַציאַלן אינהאַלט איז אויך דאָס בילד און וואָרט־שפּיל וועגן פ י י ע ר אין די שורות: „און פ י י ע ר ל ע ך האָסטו צוערשט באַפעלט צו דיינע דינער די געטרייסטע, ס׳זאָל ביי דעם אָ פ ג ל א נ ץ פון דיין ברוינער פעל אַ הוליע טאָן דאָס פ י י ע ר אויפ׳ן רייכסטאַג!״ ער באַנוצט זיך דערמיט אויך אין אַ צווייטן ליד, וואו ער זאָגט מיט איראָניע: „און רופט צונויף אַהער דעם פאַרלאַמענט אויף אייער צווייטער פ י י ע ר־ל ע כ ע ר זיצונג״, מיינענדיג די פאַשיסטישע „פייערלעכקייט״ פון רייכסטאַג־פייערן... (די באַמערקונגען זיינען פאַרביינגייענדיגע, ווייל אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל קאָן איך ניט געבן קיין גענויע אָפּשאַצונג פון די קינסטלערישע מעלות פון די לידער).

גרעניצלאָז איז מאַרקיש׳עס שנאה פאַר די קאַניבאַלן און טאַקע דערפאַר האָט זיין ליבשאַפט פאַר די אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער אויך ניט קיין גרעניץ. אַלע באַקאַנטע שטאַרקסטע אָדער צאַרטסטע ליבע־ווערטער זיינען ניט אימשטאַנד צו כאַראַקטעריזירן פינקטלעך מאַרקיש׳עס ליבע, עס איז אייגנאַרטיגע ליבע, סאָוועטישע ליבע. אַמבעסטן וועט זיין צו באַנוצן מאַרקיש׳עס אייגענעם אָריגינעלן אויסדרוק: „אויפגעפלאַטערטע ליבשאַפט״. די עטלעכע צענדליג לידער אין דעם בוך זיינען ניט נאָר איבערגעפילט מיט׳ן ברענענדיגן האַס פאַר די קאַניבאַלן, נאָר אויך מיט גרענעצלאָזער ליבשאַפט פאַר דעם „באַפליגלטן״ אַנטי־פאַשיסטישן קעמפער, וואָס „זיין מוט איז העכער פון די שטערן״.

אפילו די נאַטור קעמפט געגן די קאַניבאַלן, ווייזט אונז מאַרקיש!

„סיגעבלעטער פון וואַלד איז, ווי כאַקי,
קאָלאָנעס פון קריגער—ווי וואַלד;
זיי ניט דורכלאָזן—וועגן זיך שווערן,
יעדער טאַנק וועט אַ קבר זיי ווערן״;

„יעדער צוויג און יעדער בלאַט באַגערט
דיין ביקס פאַרשטעלן, רויטאַרמייער!"
„יעדער ווינט אויף וועגן וויקלט זיך און דראַפּעט
פאַרשלייכן דיין ביקס, געטרייער רויטאַרמייער!",
„יעדער גרעזל רייסט זיך מיט פאַרפלייץ, פונקט ווי מיט קרענץ,
סיגעווער דאָס גרויזאַמע פאַרהילן!"

ווייל „מיט צאָרן הייליגן, מיט ליבשאַפט אויפגעפלאַטערט, קאָן איצט קיין בוים ניט בלייבן רואיג אין דער ערד".

זיינע מאַמעדיגסטע געטריישאַפט־ און ליבע־געפילן, זיינע צאַרטסטע לירישע שורות, גיט ער אָפּ די רויטאַרמייער, קאָמיוגיסטן און פאַרטיזאַנען. אין דער „אָדע" צו „דעם פאַרוואונדעטן רויטאַרמייער" זאָגט דער דיכטער:

„און אויב אויף בוימער צייטיגט זיך די פרוכט און גיסט זיך מיט
שמעקעדיגע זאַפטן,—
איז עס דאָס יורן פון דיין שלאַכטנדיגן רום
און פון דיין אומפאַרגעסלעכער געוואַגטקייט...
דעם שטויב—אַ יעדער טייך דיר אָפּווישן פאַרלאַנגט,
און ווינטעלעך פון בערג דעם אָטעם טראָגן דיר צושטייער;
עס לייגט צו וואונד דיינער זיך צו דאָס גאַנצע לאַנד,
ווי צו אַ קינד—אַ מאַמע אַ געטרייע!"
„אַ יעדער בוים רייסט זיך זיין שאָטן דיר צו געבן".

דאָס זעלבע ווערט אויך אַזוי פּראַכטפול אויסגעדריקט אין דער באַלאַדע וועגן העלדישן רויטאַרמייאישן לופט־פליער „גאַסטעלאָ".

„דאָס ליד פון פוילישן פאַרטיזאַן" ווערט פרעכטיג געגעבן אין פאַלקס־טאָן:

„פייגל טרויערן אויף אומעטיגע ביימער,
פון די פעלדער קומט קיין ווינטל מיט געזאַנג;
סיקלינגט דעם שונאים שווערד אויף אונזער היימלאַנד,
זאָג מיר, וואַלד, — ביז וואַנען און ווי לאַנג?"

מאַרקיש וויייזט אונז, אַז די העלדן־טראַדיציע און ראָמאַנטיק פון די בירגער־קריג יאָרן לעבט נאָך עד היום אין דער רויטער אַרמיי: „עס קלינ־גען ווי וואונדער־געזאַנגען נאָך אָפּ פון פערד פון בודיאָני׳ס דער הייסער גאַלאָפּ", „עס טראָגט זיך טשאַפּאַיעוו נאָך אום אויף זיין פערד, די אויגן פאַראויס, און די הענט אין געפעכט", „אייך אַנטקעגן גייט מיט ליכטיגער דערמאָנונג ס׳אומפאַרגעסלעך־צוואַנציגסטע, דאָס רומפולע יאָר". און אויף דעם זאָגן איצט עדות די טעגלעכע נייעס פון די סאָוועטישע פראָנטן— פון קאַווקאַז, פון וואָראָניעזש, פון לענינגראַד.

זייער ניי לויט דער טעמע, ווי אין אינהאַלט און אין פאָרם, זיינען די לידער „אַ פּאַטרול איבער מאָסקווע", „דעם קאַניבאַל׳ס טראָפּייען", „אַ לופטיגער אַלאַרם", „אין ביינאַכטיגער וואַך". זיי זיינען פון די שענסטע

נאַטור־לידער, וואָס כ'האָב ווען געלייענט, און גלייכצייטיק — וואונדערלעכע מלחמה־לידער, איבערגעפילט מיט סאָציאַלן אויפרייס־שטאָף און סנאַיפּערישער ציל־געוועונדקייט. „אין ביינאַכטיגער וואך" לעבט איר דורך די גרעסטע אַנגסטן און מאַמעדיגע זאָרג פאַר דער אַכצן־יאָריגער „קאָמיור־גיסטקע אויפ'ן דאַך", וואָס „עפּעס פרעגן ביי דער נאַכט אין אומרו אירע ליפּן"... ווען אויבן איבער איר דאַך עס רוישט דער מאָטאָר פון א „סוואַסטיקאַ־פּיראַט".

ניט געקוקט אויף די געשילדערטע הימל־שרייענדיגע גרוילטאַטן פון דעם פאַשיסטישן קאַניבאַל, איז מאַרקיש ניט פאַרצווייפלט. ער זאָגט פאָראויס, אַז מען וועט אים פאַרטרייבן „צוריק אין הייל אַריין"!" „און אויסברעכן נאָך וועט אים, ווי די גאַל, איירָאָפּע". „ס'וועט אפשר א דרעסירער, היטנדיג א הויכע צאַם, אין אומרו נאָכקלערן פאַרוואונדערט וועגן צוויי־פיסיגן היבריד פון חיה און פון כאַם, וואָס האָט זיך אויפגעביילט אין צוואַנציגסטן יאָרהונדערט" און קומען צום באַשלוס, „אַז אויף ביידוואונדער האָט אויפ'ן האַלז די צייט דיר אָנגעטאָן אַ קאַלענדאַר פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט".

ווי אַ שטראָפנדיגער נביא און פאָלקס־טריבון וואָרנט ער די פאַשיסטען, אַז „עס זיינען אייך קיין אינזלען ניט באַשערט פון הייליגער העלענע!", אַז „נאָך ווי קיינמאָל וועט גרויס זיין דאָס זיגן", אַז „— זי דרייט זיך דאָך די ערד, אין טרוים אין ליכטיגן געלייטערט, און ניט די שפּיז, און ניט די שווערד, און ניט די האַק, און ניט דער שייטער האָט אים זיין אויפגאַנג צווישן שטערן ניט געשטערט!"

מאַרקיש זעט צוקונפט־וויזיעס — „און וויסן זייט: פון אונטער דר'ערד, ווי וואַלד, ווי ריזיגער, וועט אויפגיין אַ יעדער אַש־שטויב, וואָס איר האָט מיט'ן פלאַם פאַרזייט אין די לופטן און דורות מיטלאַלטערלעכע איבערראַשט דאָרט..."; „און וויסן זייט: אונטער דעם אַש פון שייטערדיגע פלעצער בליט אויף די היים פאַר אומרואיגע גייסטער, וואָס וואָגלען אום, ווי שיפן בלאָנדזשענדע, פאַרפאָלגטע פון פּיראַטן, — ווילקאָמען, ברידער, אייך — פון דאַנען איבער גרעניץ!"

מאַרקיש ווייסט, אַז „ס'קוקן פעלקער פאַרטייעט מיט בענטשונג אויף דער פרייער סאָוועטישער שווערד, — ווייל אין איר איז דער גורל פון מענטשהייט, ווייל אין איר איז דער גורל פון וועלט". און אין זיין פילאָזאָפישער לעצטער פּאָעמע פון בוך „עקס אָריענטע—לוקס" זאָגט ער וועגן סאָוועטישן לאַנד: „מיט פייער און מיט בלוט ווערסטו געפּרואווט פונסניי, געפּאַנצערט מיט דעם ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט: צי האָסט דער וועלט זיך בלויז גע'חלומ'ט אויף אַ ווייל, צי ביסט מיט הויט און ביין אַריין אין אירע גרונטן... ס'גייט דער פאַרהער אין פייער און אין פלאַם"...

אָבער דער דיכטער זאָגט נביא'יש פאַראויס:

„ער וועט פאַרברענט ווערן אין דיין צעפלאַקערטן קאַיאָר,
דעם רוקנביין, ווי אָן אַ פעלז, צעברעכן וועט ער;
ווייל ניט קיין חלום ביזטו, נאָר די וואונדערלעכע וואָר,
וואָס איז דורך פייער־צייט און דורך פאַנאַנדערוואוקס באַשטעטיגט.
פון מזרח—ליכט!
— דורך פייער און דורך שווערד!
פון מזרח—ליכט!
— דורך דיין געוואָגטן אמת!“

און אויך אין דער נייער נאָך־מלחמה־וועלט, אין די „נאָך ווי קיינמאָל גרויסע זיגן“, זעט מאַרקיש פאַראויס די וויכטיגע ראָלע פון דעם קינסטלער און דיכטער, פון דעם קעמפער מיט דער פען:

„מיט געזאַנג מירין אויפהויבן ווידער
דעם פאַרבראָכענעם קאָפּ פון דער וועלט!“

פעברואַר 7, 1943.



אָשר שוואַרצמאַן

פון אשר שוואַרצמאַן ביז
דאָרע כאַיקינע

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער שונא ביי די טויערן!

פון טיף פון האַרצן
זיך רייסט אַ ווילד געשריי
— דער שונא ביי די טויערן!

אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן;
ס׳איז איצט דער שווערד,
די שפּיז—אַ פאָן
— דער שונא ביי די טויערן!

אזוי האָט געזונגען דער ערשטער אידישער סאָוועטישער דיכטער אין דער צייט פון בירגער־קריג.

מיט אָט דעם געזאַנג אויף די ליפּן איז אָשר שוואַרצמאַן פרייוויליג אַוועק אין דער רויטער אַרמיי צו פאַרטיידיגן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און אויפ׳ן 29טן יאָר פון זיין לעבן (אויגוסט, 1919) איז ער געפאַלן אויפ׳ן שלאַכטפעלד מיט׳ן טיפסטן בטחון אין דעם פולסטן זיג פון אַרבעטער־קלאַס. די אידישע סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי דער גאַנצער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געבוירן געוואָרן אין דעם פלאַקער פון בלוטיגע שלאַכטן.

דער ערשטער אידישער סאָוועטישער דיכטער איז געווען אַ העלדישער רויטאַרמייער. דאָס איז ניט קיין צופאַל.

מיט אָט דעם געזאַנג אויף די ליפּן זיינען איצט, 24 יאָר שפּעטער, פרייוויליג ווידער אַוועק אין דער רויטער אַרמיי דער אידישער סאָוועטישער דיכטער און אָרדן־טרעגער, איציק פעפער, אַ וועטעראַן פון די בירגער־קריג שלאַכטן, און דרייסיג אַנדערע באַוואוסטע אידישע שרייבער, „אָנהויבנדיג פון דוד בערגעלסאָן ביז דער אינגסטער דאָרע כאַיקינע".

די מיזינקע פון דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, — פון ערשטן

ביז׳ן אינגסטן סאָוועטישן שרייבער, — איז איצט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אויפ׳ן פראָנט. דאָס איז אויך ניט קיין צופאַל.

מיר דערוויסן זיך דורך אַ קעיבל פון קויבישעוו צו דער „מאָרגן־פריי־הייט", אַז דער טאַלאַנטפולער דיכטער פון בירא־בידזשאַן, אַרל ווערגעליס (מיט צוויי יאָר צוריק איז דערשינען זיינס אַ בוך לידער אונטער׳ן נאָמען „היים")—האָט פאַרענדיגט זיין בריוו פון פראָנט, וואו ער פאַרטיידיגט איצט מיט אַ ביקס, ווי מיט אַ פען, זיין היימלאַנד און זיין היים—בירא־בידזשאַן, מיט די פאָלגנדיגע ווערטער: „נאָך אַ הייסער שלאַכט, און נאָכדעם ווי כ׳האָב אָפּגעפּירט אַ גרופּע פאַשיסטישע באַנדיטן צו דער הויפּט־קוואַרטיר, האָב איך פאַרפאַסט אַ ליד".

אַט אַזוי ווערן איצט באַשאַפן לידער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די באַוואוסטע אידישע שרייבער א. גורשטיין (באַרימטער אידישער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן אויפ׳ן שלאַכט־פעלד), מ. ווינער, ש. גאָדינער, א. קושניראָוו, ש. ראָסין, יאָשע זעלדין, ליובאָמירסקי, פאַלקאָוויטש און אַנדערע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער העלדישער פאַרטיידיגונג פון מאָסקווע אַלס רויטאַרמייאישע וואָלונטירן. (ש. ראָסין איז שפּעטער געפאַלן אין שלאַכט.)

דעם 24טן מאַי, 1942, האָט אָשר שוואַרצמאַנ׳ס חבר און באַוואוסטער אידישער סאָוועטישער דיכטער אהרן קושניראָוו, אויך אַ רויטאַרמייאישער וועטעראַן פון די בירגער קריג צייטן, דערקלערט אויפ׳ן צווייטן אַנטי־פאַשיסטישן ראַדיאָ־מיטינג אין מאָסקווע: „איך קום פון דעם פראָנט, וואו די העלדישע רויטע אַרמיי קערט אוים מיט אַ פייערדיגן בעזים דאָס פאַשיס־טישע שמוץ, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אונזער סאָוועטישער ערד.

„מיט עלף חדשים צוריק האָב איך, אַ אידישער דיכטער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע אידישע, רוסישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע און גרוזינישע דיכטער און שרייבער, זיך פרייוויליג אָנגעשלאָסן אין דער רויטער אַרמיי צו פאַרטיידיגן אונזער לאַנד. מיר האָבן גענומען ביקסן אין די הענט, אָבער מיר האָבן ניט אויפגעגעבן אונזער אַנדער געווער — די פען. מיר האָבן געקעמפט געגן שונא מיט׳ן באַיאָנעט און מיט דער פען".

„די נאַצים האָבן אונז אַרומגערינגלט, אָבער מיר האָבן זיך דורכגעריסן איבער זייערע טויטע קערפּערס", האָט קושניראָוו דערציילט, „אַרומגע־רינגלט פון שונא, האָבן מיר פאַרגעזעצט דעם קאַמף מיט ביקס און אפילו מיט דער פען—אַרויסגעגעבן אַ קליינע פראָנט־צייטונג", האָט ער איבער־געגעבן.

מיט ביקס אין האַנט,\
מיט וואָרים בלוט אין האַרצן\
פאַרטאַיע איך זיך איצט\
און לאָקער נאָך דעם שונא.

אַזוי האָט אָשר שוואַרצמאַן אין 1918 געשילדערט אין אַ ליד זיין קאַמף

אויפ׳ן שלאכטפעלד אין די רייען פון דער רויטער ארמיי. און איצט דער־ציילט אונז א. קושנירָאוו אין 1942, אַז אויך ער האָט געקעמפט געגן דעם שונא „מיט ביקס אין האנט", ווי מיט דער פען. דאָס איז געווים ניט קיין צופאַל.

די פען איז, ווי די ביקס, אַ געווער אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד, אַפּט דאָס שאַרפסטע און מעכטיגסטע געווער. די פען און די ביקס גייען ביי אַ סאָוועטישן שרייבער ניט נאָר האַנט־ביי־האַנט, נאָר געפינען זיך טאָקע אין דער־זעלבער האַנט. אַ סאָוועטישער שרייבער און אַ העלדישער רויטאַרמייער זיינען סינאָנימען אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד. דערין איז דער טיפער זין פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ס׳איז דעריבער ניט קיין צופאַל, וואָס די אידישע שרייבער, פּאָעטן, נאָוועליסטן, דראַמאַטורגן, ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער און היסטאָרי־קער, וואָס זיינען עוואַקואירט געוואָרן קיין אוזבעקיסטאַן און אַנדערע געגנטן טיף אין לאַנד, זעצן פאָר זייער שעפערישע ארבעט. דוד בערגעלסאָן, צום ביישפּיל, האָט פאַרענדיגט אַ פילם־סצענאַריע וועגן די אידישע העלדן אין דער רויטער אַרמיי און אין די פּאַרטיזאַנען־טיילן, דעם קאַמף געגן אַנטי־סעמיטיזם, דעם קאַמף פון די אידישע מאַסן געגן די פאַשיסטישע אריינ־דרינגער און דער פּעלקער־פריינטשאַפט אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד.

די אידישע שרייבער־סעקציע פירט דורך שעפערישע אָוונטן און שריי־בער־קאָנפערענצן, ליטעראַרישע פאַרלעזונגען און לעקציעס אויף פאַבריקן, אין טיילן פון דער רויטער ארמיי און שפּיטאָלן, ווי פאַר׳ן אַלגעמיינעם פּוב־ליקום. עס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן שרייבערישע אַגיטאַציע־גרופּעס אַרומצופאָרן איבער די שטעט און דער פּראָווינץ.

ווי עס איז ניט קיין צופאַל — די „זיבעטע סימפּאָניע" פון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, וואָס ער האָט קאָמפּאָנירט אין דער באַלאַגערטער לעניג־גראַד אונטער דעם קנאַלן פון קאַנאָנען, אין דעם פלאַקער פון בלוטיגע שלאַכטן. זי ווערט באַצייכנט אַלס „דער זיבעטער הימל פון סימפּאָניע". און אויב נישט נאָך העכער...

ווי עס איז ניט קיין צופאַל—די פאַרלעזונגען פון שלום־עליכם׳ס ווערק און די פאַרשטעלונגען פון „בר־כוכבא" פאַר די רויט־אַרמייער אויפ׳ן פראָנט.

אינזשענערן פון נשמות

„... קריטיק איז ניט די לײדנשאַפֿט פון קאָפּ, זי איז דער קאָפּ פון דער לײדנשאַפֿט; זי איז ניט קײן אַנאַטאָמישער מעסער, זי איז א געװער״.—מאַרקס.

סיקומען צוגאַסט אַהער חשוביע געסט,
שרײבער און אויכעט פּאָעטן...
זײ קומען מיט ביכלעך, מיט דאָלערס, מיט רו,
גרױס אויף דער װעלט זײער שם איז,
זײ זײנען באַגײסטערט!
זײ זאָגן אונז צו —
דערצײלן אין אויסלאַנד דעם אמת!
נאָר װײניגלעך, װײניגלעך האַלטן דאָס װאָרט,
די רײדעס די שײנע פאַרלאָזט מען,
מיט בײכלעך און קלומקעס קײן אויסלאַנד מע פאָרט,
דער אמת
בלײבט איבער אין מאָסקװע!

(איציק פעפער).

סטאַלין האָט זיך אויסגעדריקט:

„פון אַלע װערטפולע אוצרות, װאָס די װעלט פאַרמאָגט, איז דער װערטפולסטער אוצר—דער מענטש״.

ער האָט אָנגערופן די שרײבער:

„אינזשענערן פון מענטשלעכע נשמות״.

און ניט אומזיסט. און ניט צופעליג. דאָס דרינגט ארויס פון דעם גאַנצן זין פון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע, פון דעם קאָמוניסטישן אידעאַל.

פאַר דער גאַנצער סאָװעטישער ליטעראַטור איז געשטעלט געװאָרן די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע צו באַזײטיגן די רעשטלעך פון׳ם קאַפּיטאַליזם אין דעם באַװאוסטזײן פון׳ם מענטשן, דערציען דעם נײעם סאָװעטישן מענטשן פון דער קלאַסנלאָזער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די ליטעראַטור אין סאָװעטן־פאַרבאַנד איז דערפאַר ניט קײן זאַך פון יחידי סגולה, פון געצײלטע און אויסדערװײלטע. זי איז א זאַך פון מיליאָנען, א זאַך פון׳ם גאַנצן ארבעטער־קלאַס, פון אַלע האָרעפּאַשניקעס.

די סאָװעטישע ליטעראַטור אַנטװיקלט זיך אויף דעם הינטערגרונד

פון א גראַנדיעזער קולטור־רעוואָלוציע, ווען דער סאָציאַליסטישער מאַרש פון מיליאָנען אויף קולטור איז א פאַקט פון טאָג־טעגלעכער סאָציאַליסטישערווירקלעכקייט. דער מאַסן־לייענער, זיין קולטור־ניוואָ, זיינע קולטור־פאָדערונגען וואַקסן פון טאָג צו טאָג. „אונזער ליטעראַטור איז... א שאַרפע שווערד אין די הענט פון'ם פּראָלעטאַריאַט". און אויב מען פאַרשטייט דאָס ניט, קאָן מען ממילא ניט פאַרשטיין אויך די אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור.

די ליטעראַטור שפּילט א גוואַלדיגע ראָלע אינ'ם סאָוועטישן לעבן. די ליטעראַטור, ווי די פּרעסע, ווערט פאַררעכנט פאַר דעם סאַמע וויכטיגסטן, שאַרפסטן געווער אין די הענט פון'ם אַרבעטער־קלאַס. די אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז ניט בלויז צו אַמוזירן, ניט בלויז אויפקלערן, אָפּשפּיגלען, געבן לעבנס־דערקענטעניש, נאָר דאַרף העלפן איבערמאַכן דעם מענטשן און דאָס לעבן, רעוואָלוציאָניזירן די ווירקלעכקייט, ענדערן די וועלט, „טשענדזש די וואָרלד", ווי עס הייסט מאַיקל גאָלד'ם קאָלום אין „דעילי וואָרקער". וועגן ליטעראַטור זאָגן מיר דאָס זעלבע, וואָס מאַרקס זאָגט וועגן די בורזשואַזע פילאָזאָפן און פילאָזאָפיעם:

„די פילאָזאָפן פּרובירן בלויז אויף א פאַרשיידענעם אופן דערקלערן די וועלט, נאָר די זאַך באַשטייט אין איבערמאַכן זי".

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געהאָלפן בויען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס נייע לעבן און וועלט. און דאָס איז, אין א געוויסן זין, אויך דער אונטערשייד צווישן בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

דער פּעריאָד פון בירגער־קריג (1917—1921)

דער היסטאָרישער באַדייט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור

די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען, געוואַקסן און זיך געפעסטיגט אַלס אָרגאַניזשער באַשטאַנד־טייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור. דער היסטאָרישער באַדייט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור באַשטייט דערין, וואָס זי העלפט בויען און פאַרטיידיגן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, העלפט אַנטוויקלען פּאַטריאָטישע און מסירת־נפש'־געפילן פאַר'ן היימלאַנד, וואָס זי איז איינגעשלאָסן אין טאָג־טעגלעכע שלאַכטען פאַר דער בויאונג פון לאַנד, פאַר דער באַשיצונג פון לאַנד קעגן אינערלעכע און דרויסנדיגע שונאים. און אינ'ם אַלגעמיינעם כאָר פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור קלינגט הויך דאָס וואָרט פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור. די אַלגעמיינע אויפגאַבעס, וואָס די פּאַרטיי, די רעגירונג, דאָס לאַנד האָט אַרויסגערוקט פאַר דער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָבן געגאָלטן פאַר אַלע אירע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, דערין אויך פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

די אידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס האָבן צוזאַמען מיט די

רוסישע אַרבעטער און פּויערים, ווי מיט די ברייטע מאַסן פון אַלע אַנדערע
סאָוועטישע פעלקער, געקעמפט אונטער דער אָנפירונג פון די באָלשעוויקעס
פאַר דעם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דער רוסלענדישער אַרבעטער־קלאַס האָט באַלד נאָכ'ן קומען צו דער
מאַכט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון פּאַק־
טישער און פולשטענדיגער גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע נאַציעס. און באַלד
האָט זיך אויך אָנגעהויבן די גרויסע אַרבעט פון דער סאָוועט־רעגירונג
איבערצובויען דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די אידישע מאַסן דורך אַריינ־
ציען זיי אין דער גרויסער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט. די
רעגירונג האָט אויך געגעבן אַ סך הילף די אידן, וואָס האָבן געליטן פון די
פּאָגראָמען פון די ווייס־גוואַרדייאישע אַרמייען און באַנדעס, באַזונדערס
אויף אוקראַינע, אין די יאָרן 1917—1920.

עס ווערט אויך געשאַפן אַ ברייטע נעץ פון אידישע שולן און קולטור־
אַנשטאַלטן, עס הויבן אָן דערשיינען אידישע צייטונגען, עס הויבט זיך אָן
צו אַנטוויקלען אַ רייכע אידישע ליטעראַטור, ס'ווערן אויפגעבויט אַ צאָל
אידישע מלוכה־טעאַטערס, אַ. אַז. וו.

דער קיעווער ליטעראַרישער צענטער

ביז דער מלחמה פון 1914 זיינען די הויפּט־צענטערס פון דער אידישער
ליטעראַטור אויף דער טעריטאָריע פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד געווען
וואַרשע און ווילנע, און טיילווייז אָדעס, וואו עס איז געווען אַ העברייאיש־
ציוניסטישער ליטעראַטור־צענטער. נאָך דער קערענסקי־רעוואָלוציע קומען
אויף נייע צענטערס אין מאָסקווע, פּעטראָגראַד, מינסק, און אַ באַזונדערס
גרויסער, אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער צענטער אין קיעוו. די אַזוי־
גערופענע „אייגנס"־גרופּע גיט אַרויס אין קיעוו צוויי גרויסע זאַמלביכער:
דעם ערשטן באַנד „אייגנס" אין 1918 און דעם צווייטן אין 1920.

די „אייגנס"־גרופּע איז ניט געווען פון איין גוס. מיר געפינען דאָרטן
אַזעלכע עלטערע שרייבער, ווי בערגעלסאָן, וואָס דרוקט אָפּ אין „אייגנס"
זיינע ווערק „אָפּגאַנג", „אין פאַרטונקלטע צייטן"; נסתר—זיינע „שדים";
אַ. קאַציזנע—זיין „דער גייסט—דער מלך"; י. דאָברושין—זיין „אַנדאַנטע
דאָלאָראָזאַ". און מיר געפינען אויך די נייע גרופּע מיטגייער אָדער מיט־
לויפער*)—שרייבער, ווי אָ. שוואַרצמאַן, ד. האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, לייב

*) מיטלויפער האָט מען אָנגערופן אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבן אויפגענומען
די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און זיך אָנגעשלאָסן אָן איר, וואָס האָבן אָבער ניט באַנו־
מען מיט אַ גענוגנדיגער קלאָרקייט איר סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און אַרויסגע־
וויזן פאַרשיידענע וואַקלונגען.

קוויטקאָ, ב. שטיימאַן, א. קושניראָוו.

די עלטערע שרייבער זעצן דאָרטן פאָר זייער אַלטן וועג. זיי דרוקן עפּיגאָנישע ליטעראַטור וואָס האָט זיך ביי זיי אָנגעזאַמלט נאָך פון פאַר דער מלחמה; זאַכן, וואָס האָבן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט'ן נייעם לעבן. פּראָגרעסיווער איז געווען די דיכטונג אין „אייגנס". די נייע מיטלויפער־גרופּע דריקט שוין אוים הומאַניסטיש־פּאַציפיסטישע און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. און אשר שוואַרצמאַן ווערט שוין פאַררעכנט אַלס דער ער־שטער אידישער סאָוועטישער דיכטער (אין די שפּעטערדיגע יאָרן איז ניט נאָר די נייע יונגע גרופּע נאָר אויך אַלע עלטערע שריפטשטעלער זיינען געוואָרן מוסטערהאַפטע סאָוועטישע שרייבער).

דוד האָפשטיין באַגריסט אין אַ ריי פּראַכטפולע לידער די רעוואָלוציע, כאָטש ער האָט זי נאָך גוט ניט פאַרשטאַנען. ער איז אַנטציקט פון דער רעוואָלוציע דערפאַר, וואָס ער זעט אין איר דעם כוח, וואָס האָט געבראַכט נאַציאָנאַלע באַפרייאונג די אידישע מאַסן. אין יענער צייט דער־שיינט זיין ערשט בוך לידער „ביי וועגן" (1919), וואו ער זינגט:

„אין בלוי פון מיינע טונקעלע פאַרטאָגן, וואו כ'וואַנדער לאַנג,
די ערשטע מזרח־צייכנס האָבן דורכגעשלאָגן
אַ העל געזאַנג
— עס הויבט אָן טאָגן".

דערווייל איז אים נאָך ניט געווען קלאָר, אין וואָס אַט דאָס „טאָגן" באַשטייט, אָבער דער געפיל, אַז „ס'הויבט זיך אָן", האָט געגעבן מונטער־קייט און דרייסט. דאָך גייט ער נאָך אַלץ „ביי וועגן", געבליבן דער וואַנ־דערער, וואָס בלאָנדזשעט, זוכט אַ וועג. דערמיט האָט ער אויסגעדריקט די שטימונגען פון אַ געוויסן קליינבירגערלעכן שיכט, ווי פון דער ראַדיקאַ־לער אינטעליגענץ, וואָס האָט געזוכט אַ וועג צווישן דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, געשטרעבט צו אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלו־ציע, געזוכט זעלבסטבאַשטימונג.

איר געפינט נאָך דעריבער אין „ביי וועגן" אַ סך נאַציאָנאַליזם, אידעאַ־ליזאַציע פון דער בורזשואַזער קולטור, וואָס פיגורירט ביי אים אונטער'ן נאָמען „דעם זיידנ'ס ירושה":

„איך האָב אויף מיין אַקסל אַ מאַסע גענומען פון זוימען
באַפּייכטע מיט האַרבסט־טויען קאַלטע,
מיט זיידנ'ס ירושה, מיט שטעקן מיט אַלטן, מיט אַלטן
פאַרשטויבטן פאַרשרומפּענעם לאַגל,
געלאָזט זיך אויף וועגן, אויף וואַנדער, אויף וואַגל".

האָפשטיין האָט באַגריסט די רעוואָלוציע אין אַזעלכע גלענצענדיגע לידער, ווי „פּראָצעסיע", „אָקטאָבער" (י. שייפער האָט עס אויפגעפירט אין אַמעריקע), „פרעגסט מיך, שטילער ברודער", א. א. אינ'ם ליד „פּראָצעסיע"

שילדערט ער א מאַרש פון די „פּראַנטיקע רייען פון דער שפּאַנענדיקער מענטשהייט״, וואָס טראָגן שטאָלץ און דרייסט די אַלטע רויטע פאָן. די פאָן, וואָס איז געווען „מיט לופט געלאַטעט״, צעריסן, איז ניט אין איין אונטערערד געווען אויסבאַהאַלטן, ניט איין פּאָליצייאישע קויל האָט זי גע־האַט געלעכערט, פלאַטערט איצט אין די פּאַרנטיקע רייען פון די שפּאַנענדיקע דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן דעם „אַלטן גאָט״—די אַלטע וועלט—אַוועקגע־שטעלט אויף שטאַנגען פון שאַנד. פאַר האָפּשטיין׳ען איז קלאָר, אַז דער וועג צום אַלטן איז אויף אייביק אָפּגעשניטן, רופט ער אויס:

„צוריק קיין טראָט!״

זיין פייערלעכע, פרײדיקע שטימונג ווערט פון אים אַרויסגעבראַכט דורך דער מוזיקאַלישער אינסטרומענטירונג פון די לידער, דורך א סך מונ־טערקייט־עפּיטעטן, ווי שפּאַנענדיקע מענטשהייט, שטאָל־צע, דרייסטע, וואָס טראָגן מיט זיך הילכיקייט און שיין (וועקנ־דיקע שטעקלעך, קלינגענדיקער קופער, הילכיקער געלעכטער, שיינענדיקער טרומייט). דער איינדרוק פון שפּאַנענדיקע מאַסן ווערט דאָ געשאַפן דורך דעם מונטערן ריטם, דעם פרייען סטראָפן־געבוי, די שורות אין פאַרשיידע־נער לענג, מיט א פאַרשיידענער צאָל אַקצענטן, ווי מיט דער אַנזאַמלונג פון אויפרייסיקע און צישענדיקע קלאַנגען.

פּרץ מאַרקיש איז אויך געקומען מיט א גאַנצער ריי בונטאַ־רישע אַבסטראַקטע לידער, וואָס רירן נאָך גאַרניט אָן דאָס ווירקלעכע אַרומי־גע רעוואָלוציאָנערע לעבן. אויך ער קומט מיט וואַנדער־מאָטיוון, ווי אויך קאָסמישע מאָטיוון, און דריקט אויס דעם „טומל־טומל״ פון דער רעוואָלו־ציע. אין יאָר 1919 דערשיינט זיין ערשט בוך לידער „שוועלן״, וואו זיין ערשט ליד הויבט זיך אָן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך זעגן זיך מיט דיר,
פאַרגייענדיקע צייט,
איך קאָן דיך ניט, פאַרגאַנגענהייט,
איר קערט ניט מיר —
איך האָב זיך אייך געיחלומיט...״

מאַרקיש זעגנט זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ער וויל פון איר ניט וויסן, אָבער אויך די צוקונפט גייט אים ניט אָן, קימערט אים ניט:

„און דו ווער ביזט, מיין צוקונפט,
פאַרוואַקסענע אין גרויע האָר?
כיגעהער ניט דיר,
דו חלומיסט זיך מיר נאָר!״

אָבער וואָס איז פאַרט זיין שטרעבן און באַגער? ענטפערט ער אויף דעם:

„כיבין דיינער, ינישטיגער אַצינדי,
בלינד!

און בלינדערהייט כיבין רייך!
מיר שטאַרבןביידע גלייך
און ווערן גלייך געבוירן..."

דאָס הייסט, זיין אידעאַל איז צו לעבן מיט דעם „נישטיגן אַצינד", מיט דעם געגעבענעם מאָמענט, לעבן בלינד און זיך וועגן קיין זאַך ניט זאָרגן. זאָרגלאָזיגקייט, ציללאָזיגקייט—איז מאַרקיש'עס לאָזונג. און אָט־די ענאַר־איסטישע, אינדיווידואַליסטישע, טרעמפּישע מאָטיוון דרינגען דורך דאָס גאַנצע בוך, און זיינען געווען, ווייזט אויס, „שוועלן" צו זיינע שפּעטערדיגע ענלעכע זאָרגלאָזע, טרעמפּישע ביכער, ווי „פּוסט און פּאָס" (1920) און „סתם" (1920).

דאָ זיינען געקומען צום אויסדרוק שטימונגען פון קליינבירגערלעכע שיכטן, וואָס האָבן אויפגענומען די רעוואָלוציע אויף אַן אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישן אופן. בלויז אינ'ם בוך „סתם" האָט מאַרקיש שוין געפּרואווט דירעקט באַרירן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָבער אויך דאָ איז ער ווייטער פון קיין אַבסטראַקטע — אמת, באַגייסטערטע — לויב־געזאַנגען ניט אַוועק. די כוחות און די צילן פון דער רעוואָלוציע האָט ער נאָך דעמאָלט ניט באַנומען.

דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער קינסטלערישער אויספאָר־מירונג פון זיינע לידער: אין אַנוואַלגער פון פאַרשיידענע היפּערבאַלישע בילדער, א האַסטיגער און צעוואָרפענער ריטם. אויך ביי אים האָט איר דעם גרונט־מאָטיוו פון וואַנדערן, גיין, לויפן, כאָטש אָן א זין און אָן א ציל, גלאַט אַזוי, „סתם" אַזוי, „פּוסט און פּאָס".

ל י י ב ק ו ו י ט ק אָ דריקט אויך אויס ענלעכע שטימונגען אין זיינע ערשטע לידער, ווי אין זיין ערשטן בוך „טריט". דאָס איז דער געפיל פון אָפּגעשטאַנענע המונישע שיכטן, וואָס דערוואַכן א דאַנק דער רעוואָלו־ציע, כאָטש זיי האָבן זי נאָך ניט אין גאַנצן באַנומען. ס'איז „טויבער תם" און „טויבער אומרו", ווי קוויטקאָ דריקט זיך אויס. אין זיין גרעסערער פּאָעמע „רויטער שטורעם" טרעט ער שוין אַרויס געגן דער אַלטער וועלט. ער רופט די יוגנט איבערצורייסן מיט די צוריקגעשטאַנענע טאַטעס, רייסן מיט די „שוואָגערלעך", זיך אָנשליסן אָן דעם נייעם לעבן. ער דריקט אויס אומרו פון עפּעס, וואָס קומט, פון „טריט". נאָר דער „שוויינגס"־מאָטיוו דאָמינירט אין פיל לידער, א סימן פון פאַרלוירנקייט און אומקלאָרע שפּי־רונגען.

מיר געפינען ביי אים, אין יענער צייט, א ריי מרה־שחורה־לידער, וואָס ווערן נאָך ברייטער און גרינטלעכער פאַרגעזעצט ביי עזרא פינינבערג'ן. איר טרעפט אויך דעם וואַנדער־מאָטיוו („מיין בלאָנדע"). אָבער אויך פיל לידער פון יוגנט־פרייד (ציקל „יונגע פרייד"). אין דער פאָרם געפינט איר פיל פאָלקלאָר־עלעמענטן, און די לעקסיק איז אין דער גרעסטער מאָס פון דער מאַטעריעלער וועלט.

דער וואַנדער־מאָטיוו איז אויך די ווירקונג פון נסתר'ן, וואָס איז נאָך פּרץ'ן געוואָרן דער וויכטיגסטער פאַרשטייער פון סימבאָליזם. אין „אייגנס" האָט דער נסתר פאַרגרעסערט זיין אַלטן אופן שרייבן. אין צענטער געפינען מיר דעם „גייער", וואָס זוכט גערעכטיגקייט. די פאָלקיסטישע אינטעליגענץ האָט באַטראַכט ווי דעם אויסדרוק פון דעם פאָלקס־גייסט אַ גרויסן שיכט פון קליינבירגערטום, וואָס האָט געדאַרפט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע זיך זעלבסטבאַשטימען, געוואַרט אויפ'ן אויסלייזער. און דאָ קומען מיר צום משיחיזם פון —

ב י י נ ו ש ש ט י י מ אַ ן, וואָס האָט אָפּגעדרוקט דעמאָלט די סימבאָליסטישע דראַמען „ביים טויער" (אויפגעפירט פון „אַרטעף" אין ניו יאָרק), „משיח בן יוסף" און „דאָס רויטע קינד" (י. שיפּער האָט געשאַפן פאַר די לעצטע צוויי מוזיק און דער פרייהייט געזאַנג פאַראיין האָט זיי אויפגעפירט אין ניו יאָרק).

אין די דראַמען האָט ער אויסגעדריקט נאַציאָנאַליסטישע פאַרנעפּלטע שטימונגען און דערוואַרטונגען אויף דערלייזונג פון דעם קליינבירגערטום. אין „ביים טויער" האָט ער דורכגעפירט די אידייע פון אידישן משיחיזם און אתה־בחרתנו'איזם, די אידן האָבן געגעבן דער וועלט דאָס קריסטנטום, די אַלטע אייראָפּע קרייציגט איר אייגענעם גאָט, די וועלט־מלחמה צעוואַלגערט די קולטור. אין „משיח בן יוסף" האָבן מיר אַ דורכגעפאַלענע רעוואָלוציע. אין „דאָס רויטע קינד" זיגט, אמת, צום סוף די רעוואָלוציע ,אָבער ווי אַ סטיכישער פּראָצעס.

דער הויפּט־פעלער פון שטיימאַנ'ען איז זיין דעזערטירן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַנשטאָט דורך דער פאַרגאַנגענהייט פאַרשטיין דעם היינט און פאַרקערט. שטיימאַן האָט געזען די רעוואָלוציע דורך פּאָגראָמען, אויסגעדריקט שרעק און אַנטוישונג, ניט געקוקט אויף זיין „רויטן" סוף. ער האָט געזוכט אויסלייזונג אין איבערנאַטירלעכע קרעפטן און דער סימבאָליזם איז געווען אַ סימן פון דער אָנמעכטיגקייט.

פון אַן ענלעכן כאַרקטער איז געווען ק אַ צ י ז נ ע'ס „דער גייסט —דער מלך".

אַ. ק ו ש נ י ר אָ ו ו באַזינגט אין זיינע ערשטע לידער די דרייסטע יוגנט, וואָס פאַרבייט די היימישע „רו" אויף שטורמישער „סכנה". ער וויל ניט וויסן פון קיין שום „אַלטע געמאָסטענע וועגן". אָבער דאָס זיינען נאָך אַלץ אַבסטראַקטע שטימונגען, און די לידער ווערן ניט אָנגעפילט מיט קיין ממשות'דיגן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. אין די שפּעטערדיגע לידער, ווי „וועגט", „עקראַן", און „ראַסייא", איז ער שוין מער קאָנקרעט. דאָס ליד „וועגט" איז געבויט ווי אַ ברייט פאַנאַנדערגעוויקלטער מעטאַפאַר: „הויכע, האַרטע, פעסטע וועגט" האָבן גענומען רעדן:

„גיט אונז אַ מויל,
באַקלעפּט און באַהענגט אונז

מיט מענגעס אָפּיען, פּלאַקאַטן און בלעטער.
מיט זיי,
ווי מיט ריזיגע גאָרגלען,
וועלן מיר שרייען
מיר הערן —
פעסטע, זיגערישע טריט".

דעם איינפלוס פון א. קושניראָוו'ן קען מען געפינען אפילו ביים יונגן אָדער איינגסטן אמעריקאַנישן פּראָלעטאַרישן דיכטער מ.א. סול, וואו איר

א. קושניראָוו

טרעפט די ענלעכע שורה—„עם רעדן וועגט"—און ענלעכע בילדער און גע־דאנקען.

מיט א שטורמישן ריטם באַזינגט קושניראָוו די גרויסע פרייד פון די ערשטע רעוואָלוציע־טעג.

אַ ש ר ש וו א ר צ מ א ן פאַרנעמט אן אייגנאַרטיג אָרט צווישן דער קיעווער גרופּע. די ערשטע צייט טרעפן מיר ביי אים די זעלבע גוט־באַקאַנטע קליינבירגערלעך־פּאַלקיסטישע שטימונגען. ער איז פאַרנומען מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען, מיט בענקעניש און טרוימען.

אַלס סאָלדאַט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער דאָך ניט באַנו־מען איר פולן קלאַסן־באַדייט, און אין די לידער פון יענער צייט געפינט איר פּאַציפיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. נאָך דער רעוואָלוציע געפינען מיר אים אין קיעוו. ער באַפרייט זיך פון זיינע קליינבירגערלעכע

שטימונגען און הויבט אָן שרייבן עכטע רעוואָלוציאָנערע לידער, ווי „אין אויפשטאַנד", וואו ער זעט שוין קלאָר, אַז די רעוואָלוציע גייט:

„פון הייזער אָרעמע, פון שטיקנדע וואַרשטאַטן,
פון לאַנגע וואָגל־נעכט, פון הונגעריגע טעג
געקומען זיינט איר, ברידער מיינע פילע
צו ווייזן
דעם פרייז פון אייער מי,
דעם ווי פון אייער לייב,
דעם אויסגעשריי פון דורות און פון צייטן".

און ער איז גרייט צו קעמפן פאַר דער רעוואָלוציע:

„מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן,
פאַרטייע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם שונא".

און ביי אַ. שוואַרצמאַנ'ען איז דאָס וואָרט געוועזן טאַט. אין יאָר 1919 איז ער פרייוויליג אַריינגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי. פאַר'ן אוועקגיין האָט ער אָנגעשריבן דאָס באַרימטע ליד „דער שונא ביי די טויערן", וואו ער רופט צו פאַרטיידיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד:

„אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז—אַ פאָן!
דער שונא ביי די טויערן!"

אין האַרבסט פון דעם זעלבן יאָר איז ער געפאַלן פון אַ פיינטלעכער קויל אין אַ שלאַכט מיט די פוילישע פּאַנסקע אַרמייען. ער איז ניט בלויז דער ערשטער אידישער דיכטער, וואָס האָט זיין לעבן אוועקגעגעבן פאַר דער רעוואָלוציע, נאָר ער איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור אַלס איינער פון די ערשטע און באַדייטנדיגסטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער.

אַרבעטער־דיכטונג

סוף 1920 שטעלט זיך ענדגילטיג איין די סאָוועטן־מאַכט אין קיעוו (און אין גאַנץ אוקראַינע). אַ צאָל שרייבער פאָרן אוועק קיין אויסלאַנד. דעם קיעווער „אייגנס" פאַרבייט אין מאָסקווע דער זשורנאַל „שטראָם". און אין יאָר 1922 וואַקסט אויס אַ נייע יונגע „ווידערוואוקס"־גרופּע אין קיעוו, וואָס שליסט אויך איין דעם שפּעטערדיגן באַרימטן פּראָלעטאַרישן דיכטער איציק פעפער, ווי אויך עזרא פינינבערג'ן, ל. רעזניק, א. וועלעדניצקי, מ. שאַפּירא, כאַטשעוואַצקי, א. אַנד.

אין דער צייט פון בירגער־קריג (1917—1921) איז גלייכצייטיג מיט

דער קליינבירגערלעכער ליטעראַטור געווען אַ שטראָם פון אַרבעטער־שרײַבער. די אידישע קאָמוניסטישע און קאָמיוניסטישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי די „קאָמוניסטישע וועלט", „כוואַליעס", „עמעס", „קאָמפּאַן", „וועקער", אַ. אַ. זיינען פול מיט לידער פון אידישע אַרבעטער און רויט־אַרמייער.

אין זייערע לידער הערשן שוין קאָלעקטיוויסטישע און אינטערנאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון. זיי באַזינגען די שלאַכטן מיט'ן שונא, די העלדישקייט פון די אַרבעטער און רויט־אַרמייער, דעם זאַוואָד און דעם וואַרשטאַט. אין זייער דיכטונג פילט זיך שטאַרק דער איינפלוס פון די עלטערע אַמעריקאַנישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער — ווינטשעווסקי, באָוושאָווער און עדעלשטאַט, — ווי אויך פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג אין יענעם פּעריאָד, באַזונדערס פונ'ם „פּראָלעט־קולט". דאָס זיינען אַזעלכע, ווי גילדין, אַבאַרבאַנעל, יודאָווין און אַנדערע.

אַזוי זינגט, צום ביישפּיל, אַ ב אַ ר ב אַ נ ע ל:

„ברידער, אין ענגע געשלאָסענע רייען,
צום לעבן צום נייעם שטייט אויף!
זעט נאָר די פאָנען, ווי הערלעך זיי וויען,
דערוואַכט נאָר צו יעטווידן רוף!"

און ג י ל ד י ן שרייבט אין יענער צייט:

„טיטאַניש ראַנגל איך זיך אויף די פאָליוסן
פון אומרעכט, צווייפל און רחמנות,
כ'ווער ניט איינגעמידט, כ'וועל ניט אַלט.
איך בין דער גליקלעכסטער,
פון ליידן, צער און שטורעם
אַ געזאַלבטער זיגער,
און כ'בענטש די שעה,
וואָס האָט געפליגלט מיין געמיט".

איר געפינט ביי זיי די זעלבע „פאָנען", „געשלאָסענע רייען" און „טיטאַנען" און קאָסמישקייט, ווי ביי די אַמעריקאַנער דיכטער און ווי ביי די פּראָלעטקולט־דיכטער. זיי שרייבן אַבסטראַקט, זיי האָבן גאָרניט פון דעם אַלטעגלעך־שטייגערישן רעאַלן לעבן, נאָר זיינען רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיקער. ניט געקוקט אויף די גרויסע חסרונות האָבן זיי דאָך אויסגעדריקט די העלדישקייט, באַגייסטערונג, דעם שוואונג און פּאַרמעסט, די וועלט־רעוואָלוציע מאַסשטאַבן פון דער בירגער־קריג עפּאָכע—פון דעם באמת טיטאַנישן קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור געגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. זיי האָבן געליטן פון די חסרונות פון „פּראָלעטקולט", וואָס לענין האָט שאַרף קריטיקירט. לענין האָט געהאַלטן, אַז:

„די פּראָלעטאַרישע קולטור איז ניט עפּעס אַ זאַך, וואָס איז פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען, מען ווייסט ניט פון וואַנען, זי איז ניט קיין

אויסטראַכטעניש פון מענטשן, וואָס רופן זיך ספּעציאַליסטן פון פּראָ־לעטאַרישער קולטור. דאָס אַלץ איז אַ דורכאויסיגער אַבסורד...״
„אָן דעם קלאָרן פאַרשטאַנד, אַז נאָר דורך פּינקטלעכן וויסן די קולטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, נאָר דורך איבעראַרבעטן זי קאָן מען בויען אַ פּראָלעטאַרישע קולטור—אָן אַזאַ פאַרשטאַנד וועלן מיר די דאָזיגע אויפגאַבע ניט דערלייזן״. (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 25, זייט 387).

דער אויפשטעל־פּעריאָד (1922—1927)

דער פּעריאָד נאָכ׳ן בירגער־קריג, פון יאָר 1922 אָן, וואָס ווערט אָנגע־רופן אויפשטעל־פּעריאָד, צייכנט זיך אויס מיט דעם איבערגאַנג צו פריד־לעכער בויאונג און צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (נעפּ). אין יענער צייט זיינען שוין די וויכטיגסטע פראָנטן פון בירגער־קריג געווען ליקווידירט. ס׳איז געווען נויטיג אויפצושטעלן וואָס שנעלער די ווירטשאַפט פון לאַנד, וואָס איז קאַטאַסטראָפאַל רואינירט געוואָרן אין משך פון דער מלחמה און דעם בירגער־קריג. פאַר דעם צוועק האָט מען איינגעפירט די נייע עקאָנאָ־מישע פּאָליטיק, דעם אַזוי־גערופענעם „נעפּ״.

„נעפּ—דאָס איז די ספּעציעלע פּאָליטיק פון דער פּראָלעטאַרי־שער מלוכה, וואָס איז אויסגערעכנט אויף צו דערלאָזן דעם קאַפּי־טאַליזם ביי דער אָנוועזנהייט פון די קאָמאַנדע־הויכן אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה; אויסגערעכנט אויף אַ קאַמף צווישן קאַפּיטאַליסטישע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן, אויסגערע־כענט אויף דעם וואוקס פון דער ראָלע פון די סאָציאַליסטישע עלע־מענטן צום שאָדן פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, אויסגערעכנט אויפ׳ן זיג פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן איבער די קאַפּיטאַליס־טישע, אויסגערעכנט אויף דער פאַרניכטונג פון קלאַסן, אויף אויס־בויען דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק״. (סטאַלין, פּאָליטישער באַריכט פונ׳ם צ. ק. צום 16טן צוזאַמענפאָר, 1926, זייט 77).

אין דעם נעפּ־פּעריאָד געפינען מיר צוזאַמען מיט שפּעטער אויסגע־לעבטע ניט־געזונטע שטימונגען אויך אַ ווייטערדיגן באַדייטנדיגן וואוקס פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור, נייע מיטלויפערישע און פּראָ־לעטאַרישע שרייבער.

אויפבלי פון דער פראָלעטאַרישער דיכטונג

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דער פירנדיגער זשאַנר פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור געווען די פּאָעזיע. שפּע־טער האָט די פּראָזע זי אָנגעהויבן אָניאָגן. דאָס זעלביגע דאַרף מען זאָגן וועגן דער דראַמאַטורגיע, וואָס איז אפשר נאָך עד היום א הינטערשטעלי־גער געביט אין פאַרגלייך מיט דער פּאָעזיע.

די אידישע פּאָעזיע האָט זינט דעם אויפשטעל־פּעריאָד קאָלאָסאַל פאַר־ברייטערט איר פאַרנעם, האָט אָפט אזוי ווי פאַרביטן אָדער אריינגעריסן זיך אינ׳ם געביט פון דער פּראָזע. זי האָט געגעבן א ריי גרויסע פּאָעמעס — גאַנצע ביכער מיט סוזשעטן, העלדן, סיטואַציעס. זי שטייט עד היום אויף א זייער הויכן ניוואָ לויט איר אידייאישער אָנגעזעטיגטקייט, לויט דער צאָל גרויסע מייסטערס און באַדייטנדיגע ווערק. די אידישע פּאָעזיע פאַרנעמט זייער א חשוב׳ן פּלאַץ נישט נאָר אין דער אידישער ליטעראַטור, נאָר אין דער סאָוועטישער פּאָעזיע בכלל, וואָס איז זייער א גרויסער קאָמפּלימענט.

אין די יאָרן פונ׳ם בירגער־קריג און אין די ערשטע יאָרן פונ׳ם „נעפּ" איז די שטאַרקסטע גרופּע פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור, אין קינסטלערישן הינזיכט, געקומען פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. אָבער זינט דער צווייטער העלפט פון דעם אויפשטעל־פּעריאָד הויבט אָן אַלץ מער צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן דער נייער יונגער פּראָלעטאַרישער פליגל. צו זיי געהערט די אידייאיש־קינסטלערישע אָנפירנדיגע ראָלע. און אויך די געוויסע קליינבירגערלעכע אָדער אזוי־גערופענע מיטלויפערישע שרייבער וואַרפן זיך אריין מיט לייב און לעבן אין דער סאָציאַליסטישער קולטור־בויאונג, פאַרבינדן זיך ענגער מיט דער פּאָליטיק פון דעם ארבעטער־קלאַס, מיט דער סאָוועטן־מאַכט.

די פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן א סך פריער זיך אָנגעהויבן אָפּרופן אויף די פאַרשיידענע געשעענישן פון דער רעוואָלוציאָנערערווירקלעכקייט. זיי האָבן די ערשטע אָנגעהויבן באַלויכטן די וויכטיגסטע טעמעס פונ׳ם בירגער־קריג און דער סאָציאַליסטישער בויאונג, און דערמיט אַליין אָנגע־וויזן א וועג די אַנדערע שרייבער.

די פּראָלעטאַרישע דיכטער זיינען אין דעם אויפשטעל־פּעריאָד געוואָרן

רייפער אידייאיש און קינסטלעריש. עס פארשווינדן די דעקלאראטיווע, אבסטראקטע, סכעמאטישע רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען. זיי הויבן אָן פאַר־קערפערן אין באדייטנדיגע קינסטלערישע ווערק די רעוואָלוציאָנערע דער־פארונגען פון די סאָוועטישע מאַסן, אין דער ערשטער ריי פונ'ם בירגער־קריג.

א י צ י ק פ ע פ ע ר, צום ביישפּיל, קומט מיט זיין באַרימטן בוך „וועגן זיך און אזוינע, ווי איך". פעפער איז אליין געווען א פּריוואַליגער אין דער רויטער ארמיי, און א קאָמוניסט, און האָט אָנגעהויבן באוויזן אין זיינע פּרעכטיגע, פריש־צאַפּלדיגע לידער די ארבעטער און פויערים, די קאָמוּ־ניסטן און קאָמיוגיסטן, די לעבעדיגע קעמפער אויף די אָקטאָבער־פראָנטן. אין זיין צווייטן בוך „א שטיין צו א שטיין" מאַכט שוין פעפער א ווייטער־דיגן שריט—ער באווייזט שוין די לעבעדיגע קעמפער אויף די ווירטשאַפט־פראָנטן אין די געענדערטע אומשטענדן פון דעם אויפשטעל־פעריאָד, די קעמפער אויף די רעשטאַוואַציעס, די בויער און אויפשטעלער פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און קולטור. עס קומען נאָך א סך אַנדערע פּראָלעטאַרישע דיכטער.

דער אויפבלי פון דער פּראָזע

אין דעם אויפשטעל־פעריאָד, ווי געזאָגט, הויבט זיך אויך אָן אַן אויפבלי פון דער פּראָזע, וואָס שילדערט דער עיקר די אימפּעריאַליסטישע מלחמה און דעם בירגער־קריג.

ש. ג א ָ ד י נ ע ר, וואָס איז געווען א דירעקטער אָנטיילנעמער, א סאָלדאַט אין דער צאַרישער ארמיי, גיט איבער אין זיינע ערשטע דער־ציילונגען די גרוילן פון דער מלחמה, כאָטש ער גיט עס נאָך אין א פאַצי־פיסטישן גייסט. אין דער פאָרם געפינען מיר אויך א סך עלעמענטן פון סימבאָליזם, ער איז נאָך ניט גענוג קלאָר און רעאַליסטיש. ער שילדערט דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער צארישער ארמיי, די דעמאָביליזאַציע, דעם אי־בערגאַנג פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אין בירגער־קריג.

אין זיין שפּעטערדיגן ראָמאַן „דער מענטש מיט דער ביקס" איז שוין די סאָלדאַטישע מאַסע מער דיפערענצירט, מען זעט שוין קלאָרער דעם אָנ־וואוקס פון קלאַסן־באוואוסטזיין ביי די ארבעטער און פויערים, ווי זיי ווערן אַלץ מער באָלשעוויזירט און ווי זיי רוקן פון זיך ארויס רעוואָלוציאָנערע באָלשעוויסטישע פירער־קאַדרען. דאָס ווערק איז שוין מער קאָנקרעט און רעאַליסטיש, איידער זיינע פריערדיגע דערציילונגען.

מיט דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און דעם בירגער־קריג פארנעמט זיך א סך אין זיינע ערשטע ווערק דער שרייבער ד א נ י ע ל. פון די ערשטע נייע, באַדייטנדיגע פּראָזע־קינסטלער צו שילדערן די סאָציאַליסטישע איבערבוי־ארבעט אין די אידישע שטעטלעך איז געווען א ָ ר ל א נ ד אין זיין בוך „הרעבליעס". י ו ד ל י א ָ פ ע שרייבט אָן דעם „נעפּ־הויף", וועגן דעם קלאַסן־קאַמף צווישן דער אידישער באַפעלקערונג אין דער צייט

פונ'ם „נעפ". עס דערשיינען נאָך א סך פּראָזע־ווערק פון די שרייבער: אברהם קאַהאַן, פּערסאָוו („קאָרנברויט"), איציק קיפּנים („חדשים און טעג"), נח לוריע, דוד וואָלקענשטיין, א. אַ.

אין דער זעלבער צייט הויבן זיך שוין אויך אָן באווייזן די פּראָ־סאָוועטישע ווערק פון דעם גרעסטן מאָדערנעם אידישן פּראָזאאיקער דוד בערגעלסאָן.

אידעאָלאָגישע שטרייטן

אין דעם פּעריאָד אנטוויקלען זיך הייסע ליטעראַריש־פּאָליטישע דיסקוסיעס וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם קאַמף פון פאַרשיידענע קלאַסן־כחות פאַר העגעמאָניע אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. די קאַמפן ווערן אויסגעפאָכטן אויף די שפּאַלטן פון א גאַנצער ריי זשורנאַלן ווי אויך אין דער פּרעסע.

מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם מאָסקווער זשורנאַל „שטראָם", וואָס האָט ארום זיך גרופּירט דער עיקר די אַזוי־גערופענע קליינבירגערלעכע שרייבער. אין יאָר 1923 הויבט אָן צו דערשיינען אין מאָסקווע דער פּרעכטיגער קאָמיוגישער זשורנאַל „יונגוואַלד", וואָס האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער אנטוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער ריכטונג ניט נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אפילו אין אמעריקע. אין מינסק האָט אין 1924 אָנגעהויבן ארויסגיין דער חודש־זשורנאַל „שטערן", וואָס פלעגט רעגולער דערשיינען כמעט ביז דער איצטיגער אָקופּאַציע. אין דעם זעלבן יאָר הויבט אָן ארויסצוגיין אויף אוקראַינע דער זשורנאַל „רויטע וועלט", און נאָכדעם „פּראָליט" און „פאַרמעסט". און זינט יאַנואַר 1938—„סאָוועטישע ליטעראַטור".

די זשורנאַלן האָבן א סך אויפגעטאָן אין צונויפזאַמלען און ארויסרוקן פּראָלעטאַרישע שרייבער־קאַדרען. צו דער אויפגאַבע האָבן אויך א סך בייגעטראָגן די צייטונגען: „עמעס" (מאָסקווע); „קאָמוניסטישע פאָן" (קיעוו); „שטערן" (כאַרקאָוו); „אָקטיאַבער" (מינסק); ווי אויך די קאָמיוגישע „יונגע גוואַרדיע", „יונגער אַרבעטער", א. אַנד.

א גרויסע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט געהאַט די רעזאָלוציע פון צ. ק. ר. פּ. ק. (ב) וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראַטור (1925). די רעזאָלוציע האָט פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ פון די פאָלגנדיגע ליטעראַרישע גרופּירונגען: א פּראָלעטאַרישע, א פּויערשע, א מיטלויפערישע און א ניי־בורזשואַזע אָדער נעפּ־ריכטונג. די רעזאָלוציע האָט גערופן צו העלפן מיט אַלע כחות דעם וואוקס פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער און שטיצן זייערע אָרגאַניזאַציעס, ווייל „די פּאַרטיי זעט אין זיי די צוקונפטיגע אידייאישע אָנפירער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור", און גלייכצייטיג גערופן צו באַקעמפן די נעפּ־אידעאָלאָגיע. דאָרטן איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן די

וויכטיגקייט פון דעם קאמף געגן ניט־דערשאצן דעם באדייט פון דער פראָ־לעטארישער ליטעראטור, וואס איז הויכטזעכלעך געווען א קאמף געגן טראָצ־קי׳ס ליטעראטור־טעאָריעס, ווי געגן די טראָצקיסטישע קריטיקער: וואָ־ראָנסקי, א. אנד.

אין יאָר 1925 האָט זיך געגרינדעט די אסאָציאציע פון די פראָלעטאַ־רישע שרייבער, וואס האָט זיך גענומען דורכפירן אין לעבן די אָנווייזונגען פון דער פארטיי. די אידישע פראָלעטארישע שרייבער זיינען געוואָרן טיילן פון די פראָלעטארישע שרייבער־אָרגאניזאציעס אין די געהעריגע רעפובליקן, אין מאָסקווע „מאפפ" (סוף 1924), אין ווייסרוסלאנד „בעלאפפ" (1925), אויף אוקראינע „וואופפ" (1927).

אָט די אידישע פראָלעטארישע שרייבער־אָרגאניזאציעס האָבן געשפילט א גרויסע ראָלע אין דעם רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד.

רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד פון די 5־יאָר פלענער

אין משך פון דעם אזוי־גערופענעם רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד און זינט 1928, מיט דער איינפירונג פון די 5־יאָר פלענער, האָט די אידישע סאָווע־טישע ליטעראטור צו פארצייכענען קאָלאָסאלע דערגרייכונגען. מיט יעדן יאָר זיינען צוגעקומען נייע, יונגע טאלאנטפולע קאדרען פון די פאבריקן און קאָל־כאָזן. מיט יעדן יאָר זיינער רייפער געוואָרן די ווערק פון די פארהעלטנים־מעסיג „עלטערע" שרייבער. פאר דער אידישער, ווי פאר דער גאנצער סאָ־וועטישער ליטעראטור, איז דעמאָלט געווען כאראקטעריסטיש דער קער צו דער טעמאטיק פון אינדוסטריאליזאציע און קאָלעקטיוויזאציע.

די סאָוועטישע אידישע פראָזע, האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, האָט כמעט ווי ניט עקזיסטירט אינ׳ם פעריאָד פון בירגער־קריג (1917—1921); זי האָט געבלאָנדזשעט אויף די וועגן פון נאציאָנאליזם אינ׳ם „נעפ"־פעריאָד (1922־1927); און אירע הערשנדיגע סטילן זיינען דעמאָלט געווען דער סימבאָ־ליזם און אימפרעסיאָניזם.

אָבער זינט דעם ערשטן פינף־יאָר פלאן איז שוין קענטיג אן איבער־בראָך אין דער פראָזע ווי אין דער פּאָעזיע. עס באווייזן זיך באדייטנדיגע ווערק מיט אן אויסגעשפראָכן־רעאליסטישער און רעוואָלוציאָנער־ראָמאנטי־שער טענדענץ, מיט א דראנג צו דער אקטועלער טעמאטיק פון דער סאָציא־ליסטישער בויאונג. עס באווייזן זיך שרייבער, וואס זיינען גובר דעם סימ־באָליזם און אימפרעסיאָניזם אין דער אידישער ליטעראטור.

די סאָוועטישע אידישע ליטעראטור האָט שפעטער באוויזן שטאַרק אויסברייטערן דעם טעמאטיש־פראָבלעמאטישן פארנעם פון דער ליטערא־טור, זיך א ריס געטאָן פון דער טראַדיציאָנעלער שטעטל־טעמאטיק צום דאָ־נעצער קוילן־באסיין, צום דניעפר־בוי, צום קערטשער מעטאלורגישן זאַ־וואָד, צום קאָלווירטישן פעלד, צום רויט־ארמייאישן לאגער, צו ביראָ־בידזשאן.

די מעכאַניזירונג פון דאָנעצער באַסעין, ווי דעם פּראָצעס פון אַריינ־ציען אידישע יוגנטלעכע אין דער אומגעוויינלעכער פאַר זיי אַרבעט פון קוילנ־גרעבער, שילדערט מ. אַ ל ב ע ר ט אָ ן אין זיין פּראָזע־ווערק „שאַכ־טעס", ווי דאָס האָט אויך געטאָן א י צ י ק פ ע פ ע ר אין זיין פּאָעמע־בוך „פּלאַסטן", און נאָך אַנדערע. אין דעם צענטער פון די ווערק שטייט ניט די מאַשין, נאָר די איבערדערציאונג, איבערשמעלצונג פון דעם מענטשן, וואָס באַהערשט די מאַשין־טעכניק. די מאַשין עקזיסטירט פאַר'ן מענטשן און ניט פאַרקערט.

איציק פעפער איז שפּעטער געקומען מיט זיין גרויס ווערק וועגן דניע־פּערבוי „געפונענע פונקען", ווי אויך ג י ל ד י ן מיט זיין „דניעפּרבוי" און נאָך אַנדערע. אַ ר ל א נ ד האָט וועגן קערטשער מעטאַלורגישען זאַוואָד אָנגעשריבן דאָס אָריגינעל ווערק „אַגלאָמעראַט". עס דערשיינען אַזעלכע באַדייטנדיגע ווערק וועגן דער קאָלעקטיוויזאַציע און דעם קלאַסן־קאַמף אין דאָרף און וועגן אידישער ערד־איינאָרדענונג, ווי נ אָ ט ע ל ו־ר י ע'ס צוויי ביכער „דער סטעפּ רופט", פ ר ץ מ א ר ק י ש'ע ס פּאָעמע „ניט געדאַיגעט", ע. ש ע כ ט מ א נ'ס „פּאַראָקערטע מע־זשעס", ע. ג אָ ר ד אָ נ'ס „ווילד גראָז", א.אַ. מיר קריגן ווערק, ווי נ. זאַ ב א ר ע'ס „ראַדיאָ־ראָמאַן", וועגן דער רויטער אַרמיי, וועגן דער פּראָכטפולער שול און קוזניע פון נייע מענטשן. וועגן דער רויטער אַרמיי איז אויך פּ. אַ ל ט מ א נ'ס בוך „פּאָזיציעס". מיט דער רויטער אַרמיי פאַרנעמען זיך אָפּט אויך די דיכטער, ווי פעפער, האַלקין, ז. אַקסעל־ראָד, כאַשטשעוואַצקי, קוויטקאָ, טאַלאַלייעווסקי, האָפשטיין, קושניראָוו, און פּאַקטיש אַלע אַנדערע.

אידישע טעמאַטיק

צו דער אָנווענדונג פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק צום אי־דישן פאָלק און דעם אַריבערגיין פון די אידישע מאַסן צו ערד־אַרבעט איז געווידמעט דאָס באַדייטנדיג קינסטלעריש בוך „ביראָ־בידזשאַן" פון מ. אַל־בערטאָן, ווי דאָס שפּעטערדיגע בוך „ביראָ־בידזשאַנער" פון ד. בערגעלסאָן, ווי אויך א גרויסע צאָל ביכער, דערציילונגען, לידער־זאַמלונגען, פּאָעמעס און איינציגע לידער פון א סך אַנדערע.

אינ'ם בוך „ביראָ־בידזשאַן" ווייזט אַלבערטאָן דעם וועג, וואָס עס מאַכן דורך די איבערוואַנדערער פונ'ם שטעטל צום נייעם וואוין־אָרט, ווי אויך די ערשטע טריט זייערע אין ביראָ־בידזשאַן. דאָס בוך פאַרמאָגט א ריי גוט־געצייכנטע טיפּן פון שטעטלדיגע אידן, וואָס קומען מיט א סך פּאַראורטיילן, מיט א גרויסן באַגאַזש פון קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע. דער באַדייטנ־דיגער, אָנגעזעענער סאָוועטישער פּראָזאאיקער שילדערט, ווי אַזוי אונטער דער ווירקונג פונ'ם נייעם סאָציאַליסטיש לעבן ווערן אויסגעלעבט די רעשט־לעך פון דער קליינשטעטלדיגער באַגרענעצטקייט און שימלדיגע טראַדיציעס.

אינ'ם בוך ווערט אויך געשילדערט די אידישע יוגנט, וואָס פירט דעם קאַמף פאַר'ן סאָציאַליסטישן בירא־בידזשאַן.

די איבערדערציאונג פון די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, קוסטאַרן און קליינבירגער אין פּראָצעס פון רעוואָלוציע און סאָציאַליסטישער בויאונג איז אַ גרונט־פּראָבלעם פון די סאָוועטישע שרייבער. אין איניגע ווערק ווערט אויך געשטעלט די פּראָבלעם פון דער טעכנישער אינטעליגענץ, ווי „אינזשע־נערן" פון א. ק אַ ה אַ ן, „פיגורן אויפ'ן ראַנד" פון ש. ג אָ ד י נ ע ר, און אַנדערע.

מען דאַרף נאָך דערמאָנען אַזעלכע גרעסערע ווערק וועגן בירגער־קריג, וואָס זיינען דערשינען אין דעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד, ווי דאַניעלס בוך „יולים" און י. ראַבינס „שוועסטער־קינדער". לאָמיר דאָ אויך פאַרצייכע־נען ש. ברעגמאַנ'ס „דורך קריג און רעוואָלוציע" וועגן דער ערשטער אימ־פּעריאַליסטישער מלחמה, ווי די ביכער פּראָזע און פּאָעזיע פון ה. בלאָשטיין וועגן דעם קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטי־שע לענדער. אויף דער טעמע איז אויך געשריבן מאַרקיש'עס „איינס אויף איינס", אַ פאַרגלייך צווישן די אַרבעטס־באַדינגונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין אַמעריקע. אין דער זעלבער צייט פאַרגעסט מען אויך ניט די פאַר־גאַנגענהייט, וועמען עס ווערן געווידמעט אַזעלכע סאָלידע ווערק, ווי ל. קוויטקאָ'ס „ליאַם און פּעטריק", ד. בערגעלסאָנ'ס „ביים דניעפּער" א. אַ. באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן זיינען דערשינען אַ סך פון דעם סאָרט ביכער, ווי בערגעלסאָנ'ס צווייט בוך „ביים דניעפּער", האַלקינ'ס „בר־כוכבא", דאַניעל'ס „שלמה מימון", ווערק וועגן די אידישע קלאַסיקער, א. אַז. וו.).

אויפגאַבן פון צווייטן פינפיאָר

אין דער רעזאָלוציע פון דעם 17טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר ווערט געזאָגט:

„די גרונט־פּאָליטישע אויפגאַבע פונ'ם 2טן פינף־יאָר איז די ענדגילטיגע ליקווידירונג פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און פון קלאַסן בכלל, די פולשטענדיגע פאַרניכטונג פון די סיבות, וואָס גע־בוירן קלאַסן־אונטערשיידן און עקספּלואַטאַציע, דאָס בייקומען די רעשטלעך פונ'ם קאַפּיטאַליזם אין דער עקאָנאָמיק און אינ'ם באַ־וואוסטזיין פון מענטשן, דאָס פאַרוואַנדלען די גאַנצע אַרבעטנדיגע באַפעלקערונג פונ'ם לאַנד אין באַוואוסטזיניגע און אַקטיווע בויערס פון דער קלאַסנלאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט".

אָט דאָס איז אויך געוואָרן דער ציל פון די אידישע אינזשענערן פון מענטשלעכע נשמות!

אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט אויך געהאַט די באַשטימונג פונ'ם צ. ק. אַלקפּ. (ב.) פונ'ם 23טן אַפּריל, 1932, וועגן איבערבויען די פּראָלעטאַרישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן

אַנגעהויבן לײַדן פון „קרײַזלדיגער אײַנגעשלאָסנקײט״ און פון לינקיסטישע טענדענצן.

די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור האָט זיך גענומען מיט אַ סך דער־פאָלג צום גרויסן לײַוועגט. זי האָט אַרויסגעגעבן גרויסע געמעלן פון פאָרגע־שריטענע געשטאַלטן. זי האָט אינטערנאַציאָנאַליזירט דעם טיפּאַזש, אָפּ־געשפּיגלט דאָס אַרײַנציען פון די אידישע מאַסן אין׳ם אַלגעמײנעם מלוכה־לעבן, אין דער גרויסער אינדוסטריע, אין די קאָלווירטן, אין דער בויאונג פון ביראָ־בדזשאַן.

ס׳איז אויך אויסגעוואַקסן די אידישע דראַמאַטורגיע, „דער נויטיג־סטער און וויכטיגסטער מין ליטעראַטור״, ווי חבר סטאַלין האָט זיך אויס־געדריקט. צווישן די דראַמאַטורגן געפינט איר אויך אַ גרויסע צאָל באַקאַנטע פּאָעטן און פּראָזאַאיקער, ווי פּרץ מאַרקיש, קושנירעוו, האַלקין, ל. רעזניק, דאָברושין, וועוויאָרקע, דאַניעל, בערגעלסאָן, א. אַנד.

דער גאַנג איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין דריטן פינפיאָר.

אין די לעצטע יאָרן, ווען די מלחמה־וואָלקנס אויפ׳ן וועלט־האָריזאָנט זײַנען געוואָרן אַלץ געדיכטער, האָבן די אידישע סאָוועטישע שרײַבער זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט די טעמעס און פּראָבלעמען פון הײמלאַנד, פּאַטריאָ־טיזם, לאַנד־שוץ, דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, וואָס איז פול מיט קרבנות, מסירת־נפש, העלדן־טאַטן. און וועגן דעם וואָס זיי טוען זינט די פאַשיס־טישע פעסט איז באַפאַלן די סאָוועטישע ערד, האָב איך שוין געשריבן פריער.

סטיל פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור

די סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אומעטום, איז רעאַליסטיש, קאָנקרעט, אָפּטימיסטיש און קאָלעקטיוויסטיש, פאַרבונדן און דורכגעפלאָכטן מיט׳ן גאַנצן אַרום. אירע העלדן, ווי מיר האָבן געזען, זײַנען פאָרגעשריטענע אַרבעט־מענטשן. איר ציל איז באַווירקן, באַוועגן, אַקטיוויזירן, מאָביליזירן און אָרגאַניזירן מיליאָנען מאַסן. זי איז נאַציאָ־נאַל לויט איר פאָרם און אינטערנאַציאָנאַל און סאָציאַל לויט איר אינהאַלט.

אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור געפינען מיר אַן אויפשטײַג, אַ צע־בליאונג פון פאַרשיידענע זשאַנרען: דער היסטאָרישער ראָמאַן, דאָס מי־ניאַטור־ליד, די באַלאַדע, די לירישע פּאָעמע, די סוזשעטישע פּאָעמע, פּאַ־ראָדיע, הומאָר, פאַרצײַכענונג, א. אַז. וו.

דאָס מײנט ניט, אַז יעדער פון די שאַפער פון דער סאָוועטישער אי־דישער ליטעראַטור איז געוועזן פרײַ פון פעלערן, אַז ער האָט ניט קײן שוואַכע ערטער און דורכרײַסן. די שרײַבער האָבן דורכגעמאַכט אַ גרויסן שווערן

וועג. ניט יעדער איינער פון זיי האָט באַלד באַנומען דעם פולן זין און באַדייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפּרואווט צופּאַסן, אָבער אין דער אמת'ן זיינען זיי געבליבן נאַציאָנאַליסטיש און פיינטלעך. זיי האָבן געפּרואווט דורכשמוגלען אין זייערע ווערק שעדלעכע אידעאָלאָגיעס. האָט מען זיי דעמאַסקירט און פאַראורטיילט. א היבשע צאָל שרייבער ליידט נאָך ביז איצט אָדער פון פאָרמאַליזם אָדער פון נאַטוראַליזם. ניט געקוקט אויף דעם, איז אָבער די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור אין גאַנצן גענומען כסדר געגאַנגען באַרג־אַרויף אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש.

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אויסגעלעבט די סימבאָליסטישע און אימפּרעסיאָניסטישע איינפלוסן, ווי זי לעבט אוים דעם פאָרמאַליזם און נאַטוראַליזם. זי גייט אויפ'ן וועג פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, דער גרונט־כאַראַקטער און גרונט־סטיל פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטערטור.

סאָציאַליסטישער רעאַליזם מיינט, אַז די קונסט זאָל זיין געטריי צום לעבן, עס אמת'דיג שילדערן. אָבער דאָס מיינט ניט קאָפּירן, פאָטאָגראַפירן דאָס לעבן. עס מיינט זען דאָס לעבן אין זיין באַוועגונג, אין זיין אנטוויקלונג, אין זיין גרענעצלאָזער פאַרשיידנאַרטיגקייט.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אנטוויקלען זיך נייע מענטשלעכע באַציאונגען אויפ'ן גרונט פון דער אין גאַנצן נייער שטעלונג צו אַרבעט, אייגנטום, היימלאַנד, פרוי און קינד און צו אַנדערע פעלקער.. די אויפגאַבע פון דער קונסט איז אָפּצושפּיגלען אָט די נייע אָנשויאונגען און געפילן. פאַר דעם איז נויטיג א טיפע קענטשאַפט פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, עמאָציאָנעלע קראַפט, גרויסע לייוועגטן, מאָנומענטאַלע פאָרמען. און דאָס מיינט לחלוטין ניט קיין רעגימענטאַציע פון די קינסטלער און דער קונסט. פונקט פאַרקערט, איינער פון די גרונט־פּריציפּן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז די פולסטע, אַלזייטיגסטע, פאַרשיידאַרטיגסטע אנטוויקלונג פון דעם שעפערישן יחיד, פון דער קינסטלערישער פערזענלעכקייט.

סאָציאַליסטישער רעאַליזם פאָדערט, אַז דאָס לעבן זאָל געוויזן ווערן אין זיין גאַנצער רייכקייט און קאָמפּליצירטקייט, אין זיינע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מאָמענטן. ער פאָדערט אַראָפּרייסן די מאַסקעס פון די שונאים פון די אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס. ער ווייזט דאָס לעבן ניט אין קיין טויטן פאַרגליווערטן צושטאַנד, נאָר אין זיין דינאַמיק. ער דעקט אויף די עלעמענטן פון רעוואָלוציאָנערער ענדערונג, וואָס געפינען זיך און זיגן שוין איצט אין אונזער לעבן. ער איז אַקטיוו. ער דערקענט און שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן מיט'ן צוועק צו ענדערן עס אויף א רעוואָלוציאָנערן אופן. ער זעט ניט נאָר דאָס מיסט ביי דער בויאונג, נאָר די גאַנצע געביידע, וואָס ווערט געבויט. צוליב די ביימער פאַרזעט ער ניט דעם וואַלד, צוליב באַזונדערע פאַקטן—דאָס גאַנצע לעבן. „ריכטיג איבערגעבן טיפּיזירטע העלדן אין טיפּיזירטע אומשטענדן" איז אויך דער תוך פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם ווידערשפּרעכן אָבער לחלוטין ניט די עלעמענטן פון רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם. דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם איז פול מיט קרבנות, מסירת־נפש, העלדן־טאַטן. דער פּראָלעטאַרישער שרייבער קען דעריבער ביים שילדערן א פּראָלעטאַרישן העלד אָפּוואַרפן די ניט־וועזנטלעכע דעטאַלן, די אומוויכטיגע שטייגער־איינצלהייטן, וואָס פאַר־טושן אָפּט די גרויסקייט און דערהויבנקייט פון דער העלדן־טאַט. און ווי עס דערקלערט גאָרקי: „רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם איז, אין דער אמת׳ן, א פּסעוודאָנים פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם...״

איציק פעפער

בויער פון דער אידישער ליטעראַטור

א י צ י ק   פ ע פ ע ר   איז דער פּאָפּולערסטער אידישער דיכטער אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד. און ניט אומזיסט. פעפער איז איינער פון די ערשטע און באַדייטנדיגסטע פּראָלעטאַרישע דיכטער. געבוירן אין יאָר 1900 אין שפּאָלע (קיעווער געגנט). צו 12 יאָר איז ער געוואָרן אַ זעצער־אַרבעטער. אין 1919 אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און זיך אַקטיוו באַטייליגט אינ׳ם בירגער־קריג. אָנגעהויבן שרייבן אין 1918 און זיך געדרוקט אין 1920. אין 1922 איז אַרויס זיין ערשט ביכל לידער „שפּע־נער״. אין משך פון אַ סך יאָרן געפינט ער זיך אויף וויכטיגע פּאַרטיי־אישע און סאָוועטישע פּאָסטנס, איז איינער פון די שעפער, קעמפער און אַקטיווע בויער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין 1939 איז פעפער באַלוינט געוואָרן פון דער סאָוועט־רעגירונג מיט׳ן אָרדן „ערן־צייכן״.

:: :: ::

איך האָב שוין פריער דערמאָנט וועגן פעפער׳ס ערשטע ביכער „וועגן זיך און אַזוינע, ווי איך״ (1924), „פּראָסטע טריט״ (1923), און „אַ שטיין צו אַ שטיין״ (1926). אין די לידער געפינען מיר גלענצנדיגע רעאַליסטישע שילדערונגען פון די קאַמפן מיט די וויים־גוואַרדייער און אין דערזעלבער צייט פאַרמאָגן זיי אַ סך ראָמאַנטיק פון בירגער־קריג.

ביקס אויף פּלייצע, שווערד אין הענט,
אויגן שטענדיג ווייט געווענדט.
קיינמאָל דאָרשטיג, קיינמאָל מיד,
שטייען יאָטן און מע היט.

אין פאַרגלייך מיט דער דיכטונג פון די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן שטעלט מיט זיך פאָר פעפער׳ס שפּראַך, פעפער׳ס בילדער, פאַרגלייכן און עפּיטעטן אַ גרויסן שריט פאָראויס. פעפער האָט אַריינגעבראַכט אין דער דיכטונג אַ סך נייע, פרישע באַגריפן, נייע בילדער און אויסדרוקן, גענומען פון דער רעוואָלוציאָנערערווירקלעכקייט, ווי נאַגאַן, שינעל, קים און קאָמינ־טערן, די בראָנזענע באָגונצעס, די גראָווע מאַראַשטשאַנצעס, די קיטייצעס. פעפער צייכנט זיך אויס מיט זיין פשטות, מיט דער איינפאַכער שפּראַך פון ברייטע מאַסן און מיליאָנען. ער איז געוואָרן דער דיכטער פון „פּראָסטע רייד״ און „פּראָסטן וואונדער״.

פעפער האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי באַרימטע פּאָעמעס, ווי די „בליען־

דיגע מיסטן", צום ביישפּיל, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר דערציילעריש־קייט, סוזשעטישקייט און פאָרמאַגט לעבעדיגע געשטאַלטן. אין דער פּאָעמע האָט ער געשילדערט דאָס אידישע שטעטל אינ׳ם אָנהויב אויפשטעל־פעריאָד. ער הויבט אָן פון דערינערונגען, ווי אַזוי דאָס שטעטל האָט אויסגעקוקט און וואָס עס האָט דורכגעלעבט אין דער צייט פון בירגער־קריג, און גייט אַריבער צום נייעם, וואָס די רעוואָלוציע האָט דאָרט אַריינ־געבראַכט:

וי אַלץ איז פאַרגאַנגען און אַלץ איז געבליבן,
אַ טאָג צו אַ טאָג, ווי אַ שטיין צו אַ שטיין,
אָט איז אין זון דער קאָמיוג פונים שטעטל,
און אָט איז דער קלוב פונים נאָדל־פאַראיין.
איבערהויפּט איז ער באַגייסטערט פאַר׳ן נייעם געזונטן דור:
אין קאָסטרילעווקע שפּאַצירן פּיאָנערן,
און אויפן מאַרק האָט זיך צעזונגען דער קאָמיוג.

אין 1928 שרייבט פעפער אָן די פּאָעמע „געפונענע פונקען" וועגן דניעפּער־בוי. ער האָט דאָרטן אויסגעדריקט די שטימונגען פון די אַרבעטער־מאַסן, וואָס זיינען צוגעטראָטן איבערצובויען, אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. אין דער פּאָעמע באַרירט ער ווידער די שטעטל־פּראָבלעם. ער שטעלט זי אין פאַרבינדונג מיט דעם דניעפּער, וואָס וועט פאָדערן אַ ריזיגע צאָל הענט. אין דער קאָלאָסאַלער בויאונג אין לאַנד זעט ער די אויס־לייזונג פון „טויזנטער הענט" וועלכע ציען זיך צו אַרבעט. ער באַזינגט דאָס באַצווינגען דעם אַלטן דניעפּער, ווייל ער ווייסט, אַז דאָס וועט מאַכן רייכער, ליכטיגער און זאַטער די גאַנצע אַרומיגע געגנט.

אין 1929־1930 באַקומט אַ באַזונדערע אַנטוויקלונג ביי פעפער׳ן דאָס פּאָליטיש־פאַרשאַרפטע ליד, די סאַטירע, וואו פעפער לאַכט אָפּ, דעמאַסקירט דעם ביוראָקראַט, דעם פליער, דעם קלאַסן־פיינט. עס דערשיינט זיין בוך „געוועטן" (1930) און „פלאַקאַטן אויף בראָנזע" (1931).

אין 1933 גייט אַרויס פעפער׳ס באַרימטע פּאָעמע „פלאַסטן" וועגן דער מעכאַניזאַציע פון דאָנעצער קוילן־באַסיין אויף אוקראַינע, וועגן קאַמף פאַר קוילן. די טעמע איז געווען זייער ניי אין דער אידישער ליטעראַטור. פעפער פירט אַרויס אין דער פּאָעמע אַ סך געשטאַלטן, איינגעשלאָסן נייע, יונגע אידישע קוילנגרעבער. ער גיט דאָרטן אויך אַ ריי מאַסן־סצענעס, ווי דאָס אָנקומען פון גאַנצע שטעטלעך און דערפער קיין דאָנבאַס. דורך אָנהויבן נעמען פון שטעטלעך און דערפער, ווי דורך אָנהויבן נעמען פון מענטשן, דורך דעם באַווייז פון זייער באַוועגן זיך — שאַפט פעפער דאָס בילד פון מאַסן, וואָס קומען אָן קיין דאָנבאַס.

דער ריטם אין „פלאַסטן" איז זייער אַ פאַרשיידנאַרטיגער. דאָס איז ניט קיין צופאַל. דערמיט וויל פעפער אונטערשטרייכן און פאַרשאַרפן די בילדער, וואָס ער מאָלט. דער אויער דאַרף אַרויסהעלפן דעם אויג. אין

דער פּאָעמע טרעפֿן מיר אויך שורות, וואָס זיינען זייער קורצע, שניידנדיגע אַרויסזאָגונגען, ווי אַפּאָריזמען, ווי לאָזונגען.

צום ביישפּיל:

„די וואָס שפּאַנען פּאָראויס—אונזערע האַנט.
זיי וועט געדענקען דער גאַנצער פאַרבאַנד".
„דער פּליער איז זשאַווער אויף אונזער שווערד".

אין 1934 איז אויך אַרויס דער ערשטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק „לידער און פּאָעמעס" און אַ בוך „לעבן זאָל דאָס לעבן", וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ טיפער ליבע צום סאָוועטישן לעבן, ווי צו דער נאַטור, אפילו צו דער לבנה און די שטערן. אין בוך זיינען אויך פאַראַן אַ סך פּאָלעמישע לידער פון האַס צו קלאַסן־שונאים, אויסנוצער, שעדיגער, פאַררעטער. דאָרטן געפינט זיך אויך זיין פּאָעמע „איך פאָר קיין ניו יאָרק" (פאַנטאַסטישע רייזעס).

פעפער זאָגט וועגן דער לבנה:

„סיהאָבן זי געפּוצט די שונאים:
אַ קליינבירגערלעכע כלה.
איז דען שולדיג די לבנה
אין די לידער די באַנאַלע?"

און פעפער מאַכט אַ פאָרשלאָג צו די דיכטער: „די לבנה אַמניסטירן!" וואָס האָט באמת געמיינט צו פאַרנעמען זיך מיט מער ליריק, מער נאַטור־שילדערונגען און ליבע־מאָטיוון, אָבער ניט אויף אַ באַנאַלן, קליינבירגערלעכן שטייגער. פעפער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן נאָך ביכער מיט לידער, ווי „קראַפט" און אַנדערע קרעפטיגע לידער, ווי די וואָס ער האָט געשריבן זינט דער מלחמה נגען סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער וועגן דעם פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע גרויסע אַרבעט.

איך וועל בלויז פאַרענדיגן מיט'ן לעצטן פערז פון זיין ליד „די שבועה":

אויב איך וועל דעם פיינט פון מיין הייליגער ערד ניט פאַרטרייבן,
אַז סיזאָל פון דעם שוידער קיין שריד־ופליט ניט בלייבן,
זאָל ווערן צום אייביגן שאַנד־סלופּ געפעסטיגט מיין נאָמען,
דעם אַש פון מיין לייב זאָל די ערד־קויל ניט אויפנעמען! אָמן!

:: :: ::

דוד האָפשטיין איז איינער פון די גרעסטע מייסטערס אין דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. געבוירן אין 1889 אין קאָראָסטישעוו (קיעווער געגנט), האָט זיך דערצויגן ביי זיין זיידן (אַ סטאָליער). צו 17 יאָר געוואָרן אַ דאָרפס־לערער און גלייכצייטיג זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג. אין 1907 גיט ער אָפּ עקזאַמען אין קיעוו אויף 6 קלאַסן גימנאַזיע. געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי. נאָכדעם זיך געלערנט אין קיעווער קאָמערץ־אינסטיטוט און גלייכצייטיג געהערט לעקציעס אויפ'ן פילאָלאָגישן פאַקולטעט פונ'ם אוניווערזיטעט. צו 9 יאָר אָנגעהויבן שרייבן לידער אויף העב־

רייאיש, אויף רוסיש און אויף אוקראַיניש. אין 1917 אָנגעהויבן דרוקן אידישע לידער. אין 1939 באַלוינט געוואָרן פון דער סאָוועט־רעגירונג מיט'ן אָרדן „ערן־צייכן". אין דעם זעלבינן יאָר איז אויך געפייערט געוואָרן זיין 50־יאָריגער געבורטסטאָג און 25־יאָריגער יובילײ פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין דעצעמבער, 1939, האָט דער סאָוועטישער מלוכה־



דוד האָפשטיין

פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ בוך פון זיינע לידער אויף רוסיש (איבערזעצט פון אידיש) אונטער'ן נאָמען „נאָוויע פּראָסטאָרי" (נייע רחבות'ן).

:: :: ::

איך האָב שוין געשריבן וועגן האָפשטיינ'ס אַזוי־גערופענעם „קיעווער פּעריאָד", וועגן זיין ערשט בוך „ביי וועגן" (1919). ער ווייזט שוין דעמאָלט אַרויס זיין גרויס מייסטערשאַפט און אַ ראַפינירט־פילאָסאָפישן צוגאַנג צום לעבן. ער מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען זיך איינצושליסן אין די אינדוסטריאַליזאַציע־ און קאָלעקטיוויזאַציע־פּראָצעסן אין לאַנד. אַ רושם האָט געמאַכט זיין פּאָעמע „אין ליכטיגן וואַנדער" (געשריבן אין 1930). ער באַזינגט דאָרט די קאָלעקטיווע פעלדער. ער דערמאָנט זיך, ווי ס'איז געווען אַמאָל, ווען, פון איין זייט:

די פּריצישע פעלדער און וועלדער,
די הויפן די פּרעכטיגע,
און פון דער אַנדערער זייט:
ביי פּויערשע אָרימע כאַטקעלעך—
די שמאָלע, די קליינינקע לאַטקעלעך,
די פּאַסיקלעך מאָגערן קאָרן.

און רופט אויס „אך, גוט, וואָס שוין נעכטיגע!״ און אים נעמט אַרום אַ גרויסע פרייד, ווען ער זעט:

נאָך אַזוי פיל ענגע ליידן,
פּייטשאָפּט און דערנידערונג
פאַסטן פאַר מיין לאַנד דעם ברייטן
פּריינטשאָפּט אָן פאַרבריידערונג.
נאָך אַזוי פיל שאַרפע האַסן,
נאָך אַזוי פיל גרויזאַמקייט—
אַך, ווי פאַר מיין לאַנד דעם גרויסן פאַסטן
העלע, ווייטע, גרינע פאַסן—
ליכטיגע געמיינזאַמקייט!

„ליכטיגע געמיינזאַמקייט״ איז זיין באַגייסטערט וואָרט־בילד פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע אין דאָרף.

אַ סך פון האַפּשטיינ׳ס לידער זיינען געוואָרן מוסטערן פון הויך־קוואַליטאַטיווער פּאָעזיע, אויף וועלכע עס האָבן זיך געלערנט און דערצויגן אַ ריי יונגע סאָוועטישע דיכטער. אין יאָר 1930 האָבן אָנגעהויבן דער־שיינען עטלעכע בענדער פון ד. האָפּשטיינ׳ס געזאַמלטע ווערק. ד. האָפּ־שטיין האָט אויך אַ סך איבערזעצט, באַזונדערס שעווטשענקאָ׳ן, דעם באַ־רימטן אוקראַינישן רעוואָלוציאָנערן פּאָעט.

:: :: ::

מ. דאַניעל (ד. מייעראָוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900 ביי אַן אָרימער משפּחה אין דווינסק. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 40 יאָר אין יאַלטע, קרים, נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט. געלערנט אין חדר און תּלמוד־תּורה. זייער יונג אַוועק ארבעטן, אויסגעווען אין אַ סך שטעט און געטאָן פאַרשיידענע מלאכות, געווען אַן ארבעטער, אַן אָנגע־שטעלטער, אַ לערער.

אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער אַלס „בעזשעניעץ״ (פּליטלינג) מגולגל געוואָרן אויפ׳ן אוראַל. אין יאָר 1921 איז ער אַריבער־געפאָרן קיין מאָסקווע, געלערנט אין דער אַקאַדעמיע פאַר קאָמוניסטישער דערציאונג, שפּעטער פאַרענדיגט די ליטעראַרישע אָפּטיילונג ביים צווייטן מאָסקווער אוניווערזיטעט.

אין יאָר 1924 איז דערשינען דאַניעל׳ס ערשטע גרעסערע דערציילונג „אין אַ צייט אַזאַ״, וואָס באַהאַנדלט דעם פּעריאָד פונ׳ם אָנהויב אימפּע־ריאַליסטישער מלחמה ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ער דערציילט דאָרטן אַ סך אויך וועגן די היימלאָזע און שילדערט די פּלאַנטראָפּן און די אָרגאַ־ניזאַציעס צו העלפן די פּליכטלינגען. אין גרונט פונ׳ם בוך געפינען מיר נאָך עלעמענטן פון אינדיווידואַליסטישער בונטאַרישקייט.

אין 1927 באַווייזט זיך דאַניעל׳ס צווייט בוך „אויפ׳ן שוועל״, וואו ער

איז שוין געווען אויפ'ן שוועל פון דער פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער ליטע־ראַטור. דאָס בוך איז געווען פון אַ גרעסערן פאַרנעם. די הויפּט־פּראָבלעם איז דאָרטן די ראָל פון דער אינטעליגענץ אָדער פון דעם קינסטלער אין דער רעוואָלוציע. דער צענטראַלער העלד איז דער קינסטלער ראַשאַל, וואָס וויל דינען דער רעוואָלוציע, כאָטש ער באַנעמט זי נאָך ניט ווי געהעריג. ער פירט דאָרטן אויך אַרויס אַ גרופּע באָלשעוויקעס פון רעווקאָם. און די בעסטע קאַפּיטלען פון בוך זיינען וועגן דעם אָרימען שטאָט־געגנט „פּאָפּ־לאַוועם". מיר געפינען אין ווערק אַ ריי וויכטיגע מאָמענטן פון דעם ביר־גער־קריג.

אין יאָר 1930 דערשיינט זיין באַרימטסטע ווערק „יולים", וואָס איז אויך דראַמאַטיזירט געוואָרן און אַ סך מאָל אויפגעפירט געוואָרן אויף די בינעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער. מיט'ן בוך „יולים" האָט זיך דאַניעל געשטעלט אין די ערשטע רייען פון דער סאָוועטישער ליטע־ראַטור.

די טעמע פון „יולים" איז דער ווילנער אַרבעטער־ראַט אין 1919 מיט זיין פירער יולים שימעלעוויטש, איינער פון די ערשטע „יעווסעקן", אָרגאַ־ניזאַטאָרן פון אידישער קאָמוניסטישער אַרבעט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. צוליב דעם פאַרראַט פון די מענשעוויקעס, האָט דער אַרבעטער־ראַט זיך ניט געקאָנט פאַרפעסטיגן. ס'האָבן אים פאַרכאַפּט פּוילישע לעגיאָ־נערן. דערביי זיינען אומגעקומען אויף אַ טראַגישן מאַרטירער־אופן אַ סך רעוואָלוציאָנערן, באַזונדערס די זעקס פירער פון דעם ראַט, אַריינגערעכנט יולים'ן.

דאַניעל האָט אַמאָל נאָך פאַר'ן דערשיינען פון בוך „יולים" געשריבן אין אַ פּריוואַטן בריוו: „יולים איז פאַר מיר ניט בלויז אַ ליטעראַרישע ראָמאַנטישע פיגור. יולים איז פריער פון אַלץ אַ פּראָטעסט געגן די אַלע אָנעקדאָטן, פּאַמפלעטן און אינסינואַציעס געגן די ערשטע און שפּעטער־דיגע אידישע קאָמוניסטישע טוער".

דאַניעל האָט געפּרואווט ווייזן אין „יולים" די באַוועג־קרעפטן פון דער רעוואָלוציע, די ראָל פון דער פּאַרטיי, פון פּראָלעטאַריאַט, פון די אָרימע פּויערים, פון דער רויטער אַרמיי און פּאַרטיזאַנער אין קאַמף מיט דער אָרטיגער בורזשואַזיע, מיט די דייטשע אָקופּאַנטן, מיט די פּוילישע לעגיאָ־נערן, מיט די פּאַרטייען, ווי „בונד" און „פּ. פּ. ס." אויפ'ן פּאָן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אויפשטייג פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

עס קומט נאָך אַריין דער טראַגישער עפּיזאָד מיט די זעקס קאָמונאַרן, זעקס פירער פון דער רעוואָלוציע אין ווילנע. וויל ער אונז ווייזן, ווי עס „לעבן, קעמפן, שטאַרבן, ווי ס'דאַרפן שטאַרבן רעוואָלוציאָנערן" און די שולדיגע פאַר דער טראַגעדיע, דעם סאָציאַלן קלאַסן־באַדייט און די רעוואָ־לוציאָנערע ראָמאַנטיק פון דער טראַגעדיע. אַ גרויסער טייל פון בוך איז געווידמעט יולים'ן. אַ באַזונדער קאַפּיטל געפינט איר וועגן דעם אידישן

טרעגער און קאָמונאַר — יאַנקל מאַראַט. זייער אָריגינעל ווערט געשילדערט דער קאָמונאַר סטאַניסלאַוו, וואָס איז 36 יאָר געווען א זעצער און האָט פאַרמאָגט „דאַרע, באַוועגלעכע און שטאַרקע אומרואיגע פינגער", וואָס האָבן אויסגעזעצט א סך אומלעגאַלע ליטעראַטור. סטאַניסלאַוו'ס פינגער זיינען געווען באַזונדערס אומרואיג, ווען ער האָט געהערט א רעוואָלוציאָנערע רעדע. „מענטשן זאָלן ניט קאָנען פאַרשטיין,—פלעגט ער טענה'ען,— אַז אַ גוטע רעדע, וואָס ווערט ניט אָפּגעדרוקט, איז אויפ'ן ווינט, צום טייוול ארויסגעוואָרפן". די סצענע אין קעלער, „אין ארומרינגלונג", בעת זיי דערשיסן זיך, איז פון די שטאַרקסטע און בעסטע אין בוך.

אַלע זעקס קאָמונאַרן, ווי אויך אַנאַ באָגדאַנאָוויטש, די פירערין פון אַר־בעטער־אַרטיאַד, און דער מענשעוויק ראַול, וואָס „קייט דעם סאָציאַליזם", און נאָך אַנדערע, זיינען זייער אינטערעסאַנט געשילדערט, כאָטש ניט אַן וויכטיגע פעלערן. דאָס גאַנצע בוך „יולים", ווי אַלע דאַניעל'ס ווערק, איז געשריבן אין אַ פאַטעטיש־עמאָציאָנעלן און ראָמאַנטישן טאָן. אָט לייענט איר אַזעלכע שורות:

„אויפ'ן ראַנד פון פרישן קבר, אויפ'ן באַרג צעטראָטענע ערד שטייט איצט יאַנקל'ס עלטער אינגל, די רעכטע האַנט פאַרריסן צום הימל, איבער די פערציג טויזנט הוילע קעפּ... אַ געדויש ווי אַ ווינט צווישן געדיכטע ביימער לויפט דורך:

— ער גיט אַ רויטע שבועה...

ס'דוכט זיך, דער פערציג־טויזנט־קעפּיגער המון שווערט מיט די קינדערשע ליפּן נעמען נקמה..."

און דאַניעל'ן איז נאָך געווען באַשערט ניט לאַנג פאַר זיין טויט צו דערלעבן די נקמה פון דעם „פערציג טויזנט־קעפּיגן המון" פון ווילנע פאַר יולישן' און פאַר דעם ווילנער ראַט. ער האָט דערלעבט צו זען, ווי זיין דווינסק, ווי זיין ווילנע, ווי די „פּאָפּלאַוועס" זיינען געוואָרן סאָוועטיש — די רויטע שבועה איז אויסגעפילט געוואָרן פון די נייע יוליסעס און „יעוו־סעקן", כאָטש אויך זיי ווערן איצט פאַרלוימדעט, ווי די ערשטע אידישע קאָמוניסטישע טוער.

דאַניעל האָט נאָך אָנגעשריבן אַנדערע וויכטיגע פּראָזע־ווערק, ווי אויך אַ האַלבן טוץ אָדער מער דראַמען. ניט לאַנג צוריק האָט דער אידישער מלוכה־טעאַטער פון מאָסקווע אויפגעפירט זיין דראַמע „שלמה מיימון". ס'איז אויך פּאָפּולער זיין דראַמע „זיאַמקע קאָפּאַטש", ווי זיינע דראַמאַטישע ווערק „יאָהאַן גוטענבערג", „שילער" א. א. אַלע זיינע פּיעסן זיינען געווען באַליבט צווישן די סאָוועטישע צושויער און זיי זיינען אויפגעפירט געוואָרן דורך פיל טעאַטערס פונ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אויך אין אַנדערע לענדער.

די אידישע ליטעראַטור און דאָס אידישע טעאַטער האָבן געליטן אַ

גרויסן פארלוסט מיט'ן פריצייטיגן טויט פון דעם פרוכטבארן און טאלאנטפולן סאָוועטישן שריפטשטעלער.

:: :: ::

פּרץ מאַרקיש איז איינער פון די פּראָדוקטיווסטע און באַרימטסטע סאָוועטישע דיכטער. געבוירן אין 1895 אין שטעטל פּאָלאָנע (געוועזענע וואָלינער גובערניע) אין אַ פאַמיליע פון בעלי־מלאכות. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, יונגערהייד אַוועק פון דער היים. עטלעכע יאָר אַן עקסטערן אין אָדעס. אין 1916 אַוועק אין מיליטער־דינסט, זיך באַטייליגט אין שלאַכטן אויפ'ן דייטשן פראָנט, געוואָרן פאַרוואונדעט. אָנגעהויבן שרייבן צו 15 יאָר. אָנגעהויבן שרייבן אויף רוסיש. אויף אידיש זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט אין 1917. אין 1919 דערשינען זיין ערשט בוך „שוועלן". אין 1939 באַלוינט געוואָרן פון דער סאָוועטן־רעגירונג מיט אַ לענין־אָרדן. דעם 25טן נאָוועמבער, 1939, האָט אים די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון די סאָוועטישע שרייבער אָנגענומען אַלס אַ קאַנדידאַט־מיטגליד.

וועגן בוך „שוועלן" האָבן מיר שוין געשריבן. איר ווייסט שוין אויך וועגן מאַרקיש'עס ביכער „פוסט און פּאַס" און „סתם" (1920) און „ראַדיאָ". ס'איז אָבער כדאי זיך אָפּצושטעלן לענגער אויף מאַרקיש'עס גרויסער פּאָעמע „ברידער" (1929). די פּאָעמע כאַפּט אַרום אַ ברייטן צייט־אָפּשניט: דעם צאַרישן רעזשים, די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, דעם בירגער־קריג. מיר געפינען אין איר פּרעכטיגע בילדער פון שטעטלדיגן לעבנסשטייגער, פונ'ם שטעטלדיגן בעל־מלאכה, פון עקספּלואַטאַציע, פּאָגראָמען, אונטערערדישער אַרבעט אין פוילן, א. אז. וו.

אין די ברידער האָט מאַרקיש זיך צום ערשטן מאָל גענומען פאַר אַזאַ ברייטן לייוונט. ער האָט מיט באַגייסטערונג געשילדערט דעם העלדישן קאַמף פון דער רויטער אַרמיי, באַזונדערס דעם מאַרש פון בודיאָני'ס און גיי'ס קאַוואַלעריע־אַרמייען אויף וואַרשע. ער האָט אַרויסגעפירט אַ סך פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע געשטאַלטן. אמת, אייניגע פון זיי, ווי די הויפּט־העלדן אזריעל און שלמה־בער, זיינען ניט פולבלוטיג־געשילדערט, זיינען אַנטוויקלט בלאַס, סכעמאַטיש. ניט געקוקט אויף די חסרונות, איז „ברידער" פון די באַדייטנדיגסטע אידייאיש־קינסטלערישע ווערק אין דער אידישער ליטעראַטור.

מיט הומאָר און סאַטירע שילדערט מאַרקיש די קרעמער פון די נאַלעווקעס און וואָלאָוועס. ווי טראַגיש־לעכערלעך עס קלינגט, צום ביישפּיל, דער ענטפער פונ'ם קרעמער:

ס'ייסט עפּעס זיי נעמען? יאַך האָדאַך אַ פּאַטענט!

אָדער ווי מאַרקיש נוצט דעם פוילישן דיאַלעקט אַלס געלונגענעם וואָרטשפּיל מיט'ן וואָרט „גאַי":

און פון קראָם, און פון קלייט—אַ געשריי, אַ געהייל:
וועלכער גיי, וואָסער גיי? — גיי־שאָ־גיי, גיי־שאָ־גיי!

(„גיי“ ווערט אויף פויליש־אידיש ארויסגערעדט, ווי „גאי“, און דאָס איז צונויפגעפאַלן מיט׳ן נאָמען פון רויטן קאַוואַלעריע־קאָמאַנדיר גאַי.)
פון גרויסן באַדייט איז זיין צווייטע גרויסע פּאָעמע „ניט געדייגעט“ (1931), וואָס שילדערט דעם איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט. אין „ניט געדייגעט“ געפינען מיר שוין אַ צאָל זייער געלונגענע געשטאַלטן. מאַרקיש האָט די פּאָעמע שפּעטער אַליין איבערגעאַרבעט אין אַ דראַמע. פון זיין ראָמאַן „איינס אויף איינס“ האָט ער געמאַכט אַ סצענאַריאָ פאַר אַ פילם. מאַרקיש האָט אויך אָנגעשריבן אַ סך אַנדערע ראָמאַנען און דערציילונגען. ער איז אויך געזעלשאַפטלעך שטאַרק אַקטיוו.
און וועגן זיין אַרבעט אין דער מלחמה־צייט האָט איר געלייענט מוסטערן אין דעם קאַפּיטל „די פּען שטייט ניט אָפּ פון דער ביקס“ וועגן זיין נייסטן לידער־בוך „אַ טויט די קאַניבאַלן!“

:: :: ::

לייב קוויטקאָ איז איינער פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע דיכטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1893 אין האָלאָסקאָוו (געוועזענע פּאָדאָליער גובערניע) ביי אָרימע עלטערן. פאָטער געווען אַ לערער. זיינע עלטערן

לייב קוויטקאָ

זיינען געשטאָרבן פרי, און ל. קוויטקאָ האָט געמוזט אין עלטער פון 10 יאָר אַליין פאַרדינען זיך אויפ׳ן לעבן: געווען אַ פערד־אָנטרייבער, אַ פאַרבער, אַ קאַמאַשן־שטעפּער, אַ טרעגער.
אין 1919 אָפּגעדרוקט זיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע פּאָעמע „אין

רויטן שטורעם". אין 1925 שרייבט ער אַן אַ ריי ווערק פון דעם בירגער־קריג („יונה לאה'ס"), פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג („טראַקטער־צעך" א. אַ.), אַ סך ביכער לידער פאַר קינדער („רינג און רינג", „יונגע פליער", „אַ פריילעך יאָר", „אַ בריוו וואָראָשילאָוו'ן", א. אַ.), שרייבט אויך אַן אַ גרויס בוך אין פּראָזע מיט'ן נאָמען „צוויי חברים". קוויטקאָ'ס קינדער־לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן. און היינט־צו־טאָג איז ער איינער פון די באַגאַבטסטע, פּראָדוקטיווסטע און פּאָפּולערסטע קינדער־שרייבער אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין 1938 איז דערשינען זיינס אַ בוך „לידער וועגן דער רויטער אַרמיי". אין 1939 איז ער באַלוינט געוואָרן פון דער סאָוועט־רעגירונג מיט'ן אָרדן פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן.

:: :: ::

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף קוויטקאָ'ס בלאָנדזשעניש אין 1919. אָבער אפילו דעמאָלט האָט ער בייגעטראָגן צו דער סאָוועטישער ליטעראַטור די מאָטיוון פון המונ'ישער „פּרימיטיווער גבורה, פון געזונטער פרייד און פון נאַאיווער קינדערישקייט". אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די בעסטע קינדער־שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. קוויטקאָ איז שפּילעוו־דיג, ריטמיש, עמאָציאָנעל און פּאָלקסטימלעך. ס'איז כמעט ניטאָ קיין שול־קינד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס זאָל ניט קענען אויף אויסנווייניג אַ סך פון זיינע לידער, ווי „אַך, אַז איך וועל אויסוואַקסן", „דאָס פידעלע", „אַנאַ־וואַנאַ בריגאַדיר", א. אַ.

זיינע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער קלאָרקייט, אויסדריקלעכ־קייט, איינפאַכקייט. דער דיכטער דרינגט טיף אַריין אין דער קינדערשער פּסיכיק, אין דער וועלט פון קינדערשע באַגריפן און איבערלעבונגען. ער דערנענטערט דעם אָביעקט, וועלכן ער באַשרייבט, צום יונגן לייענער און מאַכט אים קינסטלעריש אָנשוילעך. די קינדער דערלערנען אויך דורך זיינע לידער דעם אַרום, די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון זאַכן אָדער דערשיינונ־גען. אָט איז איין ביישפּיל, ווי קוויטקאָ ווענדט זיך צום שניי:

לאָז ניט פרירן	דעק זיי איין.
דעם פאַרזיי.	וועט דער פראָסט
דעם פאַרזיי	ניט קאָנען בראָטן,
מוז וואַרים זיין—	וועט דאָס ווינטער־ברויט
מיט אַ קאָלדרע	געראָטן...

:: :: ::

ה. אָרלאַנד איז דער עיקר באַרימט פאַר זיינע גרעסערע ווערק „הרעב־ליעס" און „אַגלאָמעראַט", צוויי פון די באַדייטנדיגסטע פּראָזע־לייוונטן אין דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1898, אין טעטיעוו (קיעווער געגנט). געלערנט אין חדר און שפּעטער זיך געגרייט אַלס עקסטערן פאַר דער מיטלשול. אין 1918 איז ער אַריבער־

געפּאָרן קיין קיעוו. אין 1920-1921 געדינט פרייוויליג אין דער רויטער אַרמיי. אין 1922 אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער קיעווער צייטונג „קאָמו־ניסטישע פאָן", וואו ער האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע דערציילונגען. אין 1926 איז ער באַשעפטיגט אין וואָלין ביי מעליאָראַטיווע אַרבעטן. האָט ער דאָס שפּעטער אויסגענוצט אין „הרעבליעס" (1929). אָרלאַנד פאַרנעמט זיך אַ סך אויך מיט זשורנאַליסטישער און רעדאַקטאָרישער אַרבעט.

:: :: ::

אין „הרעבליעס" האָט אָרלאַנד אונז געוויזן, ווי אַזוי די סאָוועט־רעגירונג צעשמעטערט די „הרעבליעס" פון אַלטן לעבן. די האַנדלונג קומט פאָר אויף פּאָלעסיע, וואו מען האָט גענומען דורכפירן גרויסע **מעליאָראַטיווע** אַרבעטן, כדי צו באַפרייען טויזנטער אַקער פעלד פון די זומפּן און אויפ־הויבן דעם וואוילזיין פון די פּאָלישוקישע דערפער, אַרום וועלכע עס זיינען געווען צעשאָטן צענדליגער אידישע שטעטלעך. טויזנטער אידישע מנחם־מענדלס און לופט־מענטשן פון די שטעטלעך ווערן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט און בלייבן שוין פּראָדוקטיווע מענטשן, ווער ביי ערד, ווער אין פאַבריק. די פּראָבלעמען פון איבערבוי־פּעריאָד ווערן דאָ געגעבן אין אַ נאַציאָנאַלן אַספּעקט.

די אידישע שטעטלדיגע מאַסע, וואָס איז די הויפּט־טעמע פון דער אַלטער אידישער ליטעראַטור, איז שוין אָבער דאָ געגעבן געוואָרן אין איר נייעם צושטאַנד, ווען זי ווערט געפירט פון דער פּאַרטיי אויף נייע וועגן פון געזונט־ווערן, אויסטריקענען זומפּן, כדי אויסגענוצט ווערן פאַר סאָציאַליס־טישער בויאונג. ער ווייזט אונז אויך, ווי אַזוי גלייכצייטיג מיט'ן אויסטרי־קענען די זומפּן אין דער נאַטור, ווערן אויך אויסגעטריקנט זייערע גייס־טיגע זומפּן, ווי אַזוי ענדערנדיג די נאַטור, ענדערט זיך אויך זייער פּסיכיק.

אָרלאַנד ווייזט אונז אויך גאָר נייע אידישע געשטאַלטן, ווי דער אינ־זשענער גאָרן, דער אידישער בעל־הגוף, דער מילנער ניאָכע. ער האָט אויך געוויזן די נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע דורכ'ן העלד גאָדל. גוט געשילדערט איז יאָסי הויקער, און אַנדערע.

אָרלאַנד האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן מייסטער פון פּעי־זאַזש. פון זיינע באַשרייבונגען האָט איר אַ פולשטענדיגן באַגריף וועגן דער נאַטור פון פּאָלעסיע.

„פון די אַרומיגע בלאָטעס זיינען טונקעלע ריטשקעלעך שוואַך געלאָפן צום איינגעשרומפּענעם טייכל. אויף אַנטבלויזטע זאַמדן איז געלעגן גרינער וואַסער־שוים און זיך געטריקנט און געשוואַרצט זיך פונ'ם ווינט. ווילדע גענז, וואָס זיינען פון פרעמדע ווייטן אָנגע־פלויגן אַהערצו צו זומערן אויף איינגעזעסענע ערטער, האָבן אין לויטערן פרילינג־טאָג זיך געדרייט אין דער לופטן און געשריען— דעם שטענדיג פאַרוואַסערטן פליין האָבן זיי געטראָפן אַ הוילן, מיט אָפענע בלאָטיגע געדערים... די גענז האָט נאָך געשראָקן דער טויבער

היילך פון וואַלד׃ ערגעץ נאָענט האָבן די אַרבעטער בוימער גע־וואַלגערט און גערייניגט די קאַנאַל־ליניע".

אזוי מאָלט אָרלאַנד דאָס אָרט, וואו מען האָט אויפגעריסן די הרעבליע. א באַזונדערן קינסטלערישן רושם מאַכט דאָס בילד, ווי די ווילדע גענז האָבן זייער איינגעזעסן אָרט ניט דערקענט. און ער האָט אונז באַלד אָנגעוויזן די אורזאַך פון דער גרויסער ענדערונג׃ „דער טויבער היילך פון וואַלד", די אַרבעט פון דער קאַנאַל־ליניע, די איבערבויאונג פון פּאָליעסיע.

נאָך ביישפּילן פון זיינע נאַטור־געמעלן׃ „אַ בוים האָט זיך אָנגע־צונדן אין ראָזעווען", „אַ שערענגע בוימער לעשט זיך אין ברוינעם", „אַט אזוי ווערט טאָג אין כוטער, דער וואַלד, ווילדע גענז איבער דער געווירצי־גער פּאָליעסיע", „עס טראָגט מיט סמאָלע", „עס גיט נאָך ביטערקייט", „עס טראָגט קאַנפער", „טויבע ווידער־קול'ן", „הוילן", „פּייפן", „יאָגן פון ווינט", „שאַרכען פון בלעטער", „זשווזשען", „שטעפּן פון מוקן", „בלאָוו", „טונקל־גרין", „גראָוו־בלייך", „ווייס", „טונקל־פּיאָלעט", „גרין־גלאַנצנ־דיג", „געדיכט־גרין", „ליכטיג־גרין", „רויטלעך־בורשטין", „טונקל־אַשיג".

אפילו די פּאָרטרעטן פון מענטשן זיינען אָפט געגעבן דורך פאַרגלייכונ־גען מיט דער אָרטיגער נאַטור׃ „דאָס אינגעלע איז ענלעך צו אַ ריזיגן פאַר־טיגן שוואָם, וואָס וואַקסט טיף אין פייכטן טויבן פּלאָנטער". „אַ דין מיידעלע מיט שטראַלנדיגע אויגן, ווי אָנגעצונדענע סמאָלע". מיר געפינען אויך אינטערעסאַנטע פּאָלקלאָר־עלעמענטן.

און דאָ אין בוך איז דער חסרון, וואָס די כלה איז צו שיין, וואָס מאַרקאָ, גאָרנ'ס געליבטע, איז צו עקזאָטיש, ווי עס איז איבערטריבן־ראָמאַנטיש די גאַנצע אוראַלטע פּאָליעסיע, וואָס ווערט געענדערט. דער פּעיזאַזש ווערט אינגאַנצן זעלבסטשטענדיג און אָפּגעריסן פון די סאָציאַלע געשעענישן. אויך זיינען איינציגע העלדן בלאַס געצייכנט.

אין „אַנלאָמעראַט" (1935) האָט אָרלאַנד שוין געפּרואווט באַזייטיגן אַט־די פעלערן פון „הרעבליעס". דאָרטן האָט ער געגעבן נאָך אַ ברייטערע פּאַנאָראַמע פונ'ם רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד, פונ'ם ערשטן 5־יאָר פּלאַן. די האַנדלונג קומט פאָר אין און אַרום דעם קערטשער מעטאַלורגישן זאַוואָד. ער האָט געוויזן דעם ענטוזיאַזם פון די סאָוועטישע אַרבעטער פאַר דער אינ־דוסטריאַליזאַציע, ווי אויך דעם ווידערשטאַנד פון די קלאַסן־פיינט. ער האָט געוויזן ווי אזוי די שטודירנדיגע יוגנט, באַזונדערס די אידישע, ווערט אריינגעצויגן אין זאַוואָד, אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

אפשר דער געלונגנסטער טיפּ פון בוך איז וואָלף לאַדיזשינער, אַ געוועזענער פעל־הענדלער, וואָס בויט זיך אינגאַנצן איבער און ווערט אַ שטיינ־האַקער. אין בוך ווערן נאָך אַרויסגעפירט צענדליגער אַנדערע העלדן. ניט געקוקט אויף געוויסע חסרונות איז דאָס בוך „אַגלאָמעראַט" גאָר אַ גרויסער צושטייער צו דער אידישער סאָוועטישער פּראָזע.

ש. האַלקין איז געבוירן געוואָרן אין ווייס־רוסלאַנד אין 1903. זיין ליטעראַרישע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן פריער אין דעם מינסקער „שטערן" און דערנאָך אין דעם מאָסקווער „עמעס", שוין אַ צייט נאָכדעם, ווי דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיגט, אַרום דעם יאָר 1925.

כדי אים בעסער צו קענען וועל איך ברענגען גראָד אַ ליד, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון ש. האַלקין ניט לעצטנס, נאָר אין די יאָרן 1931 אָדער 1932:

דורך מעכטיגער וואָך

ניט רויטע אותיות
אין הייך צעצונדענע,
ניט פוץ אין אויסזען
מיך קאָן באַוואונדערן.

דורך טייך געבונדענעס
אין דאָמנעס פעלזיגע;
דורך צוגן הונדערטער
אויף שנורן רעלסיגע.

ניט טיכער בלענדיגע
די אויגן שליסן מיר,
און קרעפ דערזעענדיג
קיין טרערן פליסן ניט.

דורך שויבן ליכטיגע
אין נייע וואוינונגען;
דורך שיידן ציכטיגע
און שטרענגע ברוינינגען.

פאַראַן אַ גליק אַזאַ
אין לאַנד אין דאָזיגן:
אַ קליינינק ווינקעלע
פאַר גרויסע טרויער־טעג.

דורך כוואַליעס ברויזנדע
פון שלאָגלער מונטערע,
דורך לאָמפן טויזנטער
פערלאַמוטערנע.

און פעדים איינציגע
דאָרט שטענדיג נעכטיגן...
נאָר וועג אַהינצו גייט
דורך וואָך דורך מעכטיגער...

דורך קראַנען ריזיגע,
דורך נייע נאַפט־קוואַלן,—
דורך שיין דורך שפּיזיגער
פון מוח שאַפנדן.

דורך דאָרף צעאַקערטן,
דורך שטעט געגאָרנטע,
דורך רייען טראַקטאָרן—
דורך ערשט געבאָרענע.

איז טרויער ווינציגער
און שוואַרץ פאַרמינערט זיך,—
און אויגן גינציגע
לויכטן גינענדיג.

זיינע ערשטע לידער, וועלכע זיינען געשריבן אויף סאָוועטישער טעמאַטיק, זיינען איבערפילט מיט ביבלישע סימבאָלן. און זיינע לידער ביז אַרום 1930 האָבן נאָך פאַרמאָגט פעסימיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון. איר געפינט זיי נאָך אין זיין בוך „ווייי און מוט". אָבער אונטער'ן איינפלוס פון דער דערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער בויאונג באַפרייט ער זיך פון זיינע וואַקלונגען און גייט אַריבער אויף דער אַקטועלסטער

טעמאטיק, פארבליבנדיג אַ רייפער און אָריגינעלער ליריקער. און שפּעטער באווייזט ער אין זיין זאמלונג ליבע־לידער, ווי אזוי ריין־אינטימע געפילן פלעכטן זיך איבער אָרגאניש מיט'ן סאָציאַליסטישן וועלט־באנעם און מיט דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

האלקין איז שטארק טעטיג אויך אויפ'ן דראמאטורגישן געביט. ער האָט אָנגעשריבן אַ ריי פּיעסן, איבערזעצט פּושקינ'ס דראַמאַטישע ווערק, ווי אויך שעקספּיר'ס. („קעניג ליר" איז מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט גע־וואָרן פון מאָסקווער אידישן מלוכה־טעאטער. דער זעלבער טעאטער האָט אויך אויפגעפירט זיין „בר־כוכבא"). אין 1939 איז ש. האלקין באערט געוואָרן פון דער סאָוועט־רעגירונג מיט'ן אָרדן „ערן־צייכן". זינט דער מלחמה האָט ער אָנגעשריבן דראַמעס און אַ סך לידער וועגן דעם קאַמף געגן די „היטלערשע הינט".

:: :: ::

נאָטע לוריע איז איינער פון די אינגערע און אין דער זעלביגער צייט איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פּראָזאַאיקער אין דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1906 אינ'ם כוטאָר ראַסקאָשנע (ניי־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן). בעת'ן בירגער־קריג האָט ער געלעבט אין הולאַי־פּאָליע און איבערגעלעבט די פּאָגראָמען פון מאַכנאָ. פון 1920 וואוינט ער אין פארשיידענע שטעט, איז אַ בלעכער, ארבעט אין אַ זייף־פאַבריק, א. אַ. אין 1922 — אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניע הינטער מינסק. אינ'ם זעלביגן יאָר אריין אין קאָמיוג. אין 1924 לערנט ער אין מינסקער פּעדאַ־גאָגישן טעכניקום. אין 1926 אין דער אידישער אָפּטיילונג ביים מאָסקווער מלוכה־אוניווערזיטעט. שפּעטער באזעצט ער זיך אין אָדעס. זיך אָנגע־הויבן דרוקן אין 1927.

:: :: ::

נאָטע לוריע'ס ערשטעס גרעסער בוך, „דער סטעפּ רופט", איז דער־שינען אין יאָר 1932. דאָס בוך האָט באַלד געמאַכט אַ גוואַלדיגן רושם. בערגעלסאָן האָט דעמאָלט אין דער „פרייהייט" אָפּגעדרוקט וועגן בוך אַ באגייסטערטן ארטיקל. „דער סטעפּ רופט" באהאנדלט דעם קאַמף פאַר קאָלעקטיוויזאציע, דעם קלאַסן־קאַמף אין דאָרף. עס זיינען שוין געוועזן פריער אָנגעשריבענע ווערק אויף דער טעמע פון ע. גאָרדאָן („ווילדגראָז"), פּרץ מארקיש, נח לוריע, שעכטמאן, א. אַ. אָבער ביי נאָטע לוריע'ן איז שוין דער פארנעם געוועזן אַ סך גרעסער, די פּראָבלעמען זיינען שוין אויפ־גענומען געוואָרן אויף אַ העכערער באזע.

אין בוך ווערט געשילדערט דער כוטאָר בוריאַנאָווקע — אַ אידיש דאָרף פון די איינציגע אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, וואָס האָבן נאָך עקזיסטירט אונטער'ן צארישן רעזשים — אינ'ם פעריאָד פון פאַר־שאַרפטן קאַמף פאַר קאָלעקטיוויזאציע, ארום 1930.

אין בוריאַנאָווקע זיינען נאָך פעסט אין זאָטל די קולאַקישע, באַלע־

גופישע פויערים — די אקסמאנס, בערעזינס, פיסקונס און זייערע נאָכשלעפּער. די אָרימע פויערים זיינען פון אָנהויב ניט אָרגאַניזירט. די מיטעלע פויערים פאַרשטייען נאָך ניט די פאָרצוגן פון קאָלעקטיוויזאַציע. און דער קאַמף צעפלאַקערט זיך גאָר שטאַרק מיט׳ן אָנקומען פון דער קאָמוניסטקע עלקע רודנער, די צענטראַלע פיגור פונ׳ם ווערק.

די קולאַקעס טוען אַלץ צו שטערן דער קאָלעקטיוויזאַציע. די קולאַקעס ווערן געשילדערט פון נאָטע לוריע׳ן זייער קינסטלעריש, פולבלוטיג, ניט סכעמאַטיש. ער ווייזט אויך די קליינאייגנטימערישע געוואוינהייטן פון די פויערים, דעם אידיאָטיזם פון דאָרפישן לעבן, די טראַדיציאָנעלע צוגעבונדנקייט פון די פויערים צום אַלטן אָרט לעבן.

אפילו אָקסמאַנ׳ען, דעם רייכסטן בעל־הגוף, שילדערט ער מענטשלעך, ווי ער זיצט צ. ב. און דערמאָנט זיך אין די גוטע אַלטע יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע:

„אַמאָל איז דאָ אויף די טרעפּלעך געזעסן רחבות׳דיג רב מרדכי, זיין טאַטע. אַלע פאַרנאַכט פלעגט ער אויף די טרעפּלעך מיט דער משפחה טרינקען הייסע קאַווע און געמיטלעך שמועסן וועגן די קהל׳שע ענינים, וועגן כוטער.

„גאַנצענע פאַרנאַכטן פלעגן זיי רואיג פאַרברענגען אויף די טרעפּלעך פון דער איינענער איינציגער ווינטמיל אויפ׳ן כוטער, צוגעהערט זיך, ווי ס׳דרייען זיך די פליגלען, ווי ס׳מאָלען די מילשטיינער און ווי ס׳טאָפּטשעט זיך דאָרט אַרום דער כלאָפּ, וואָס האָט היפּשע צענדליגער יאָרן ביי זיי אָפּגעאַרבעט... דאָס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן, זיי האָבן דאָך אַלץ צעטראָטן מיט די פיס... נאָר ער וועט זיך ניט לאָזן צעטרעטן!"

און דעם בעל־הגופ׳ס געפיל צו צעשטערן, אבי ס׳זאָל ניט אריינפאַלן צום קאָלעקטיוו, מאָלט אונז נאָטע לוריע אין דעם פאָלגנדיגן פּרעכטיגן בילד, ווי אָקסמאַן לויפט אריין אין זיין סאַד און הויבט אָן אָפּטרייסלען די עפּל:

„— ווייניג האָבן זיי געריסן מיינס, ווייניג האָב איך זיי געגעבן מיין בלוט, מיין בלוט... ער איז אַריין טיפער אין גאָרטן, אָנגעכאַפּט זיך פאַר די נידעריגע צווייגן און אָנגעהויבן טרייסלען די גרויסע גלאַנציגע עפּל.

„די צווייגן באַשאָטענע מיט פרוכט, האָבן זיך שוואַר צעהוידעט, פאַרטשעפּעט איינס אָן ס׳אַנדערע און געהאָגלט מיט גרויסע פייכטלעכע עפּל. די עפּל האָבן זיך געדיכט געשאָטן אים איבער׳ן קאָפּ, איבער די הענט און איבער די זיך טרייסלנדיגע פיס. ער האָט אָבער גאָרניט געפילט און אַלץ שטאַרקער געטרייסלט די אַלטע באַשאָטענע צווייגן".

די בעלי־גופים אַליין ווערן ביי אים אויך דיפערענצירט. פיסקון,

צום ביישפּיל, איז שוין פון גאַר אַן אַנדער מין: ער מאַסקירט זיך, נאַרט אָפּ און שעדיגט אפשר נאָך מער דעם קאָלעקטיוו. פּיסקון פאַרנעמט זיך מיט פאַרמאַרען פערד און באַקומען פאַר זיי סטראַכאָווקע. און דאָס בילד, ווי פּיסקון פאַרמוטשעט די „גניאַדע" און איר אַגאָניע איז פון די בעסטע און איינדרוקספולסטע אין'ם בוך. בלויז אפשר א. ראַבאַי קאָן זיך מיט אים פאַרמעסטן אין שילדערן פערד.

צו די בעסטע געשילדערטע העלדן געהערט אויך שעפּטל קאַבילעץ, וואָס ליידט פון די באַגרענעצטקייטן פון קליינאייגנטימערשער פּסיכאָלאָגיע. ער פרייט זיך, ווען ביי עמיצן פּגר'ט אַ קו און פאַרגינט ניט די גוט אויפגעגאַנגענע באַשטאַנעס ביים שכן:

„אַ כוואַראַבע אין זיי, וואָס טויג דאָס מיר, אַז ס'איז סיי ווי סיי ניט מיינס!"

און עלקע רודנער זאָגט שעפּטלען: „דו ביזט אַ טוכלע קלאַדאָווע"— בילדעריש, מיט פויערשער געשטאַלטלעכקייט, דריקט זי אויס זיין מגושמדיגקייט און צוריקגעשטאַנענקייט. אַזוינע בילדער און פאַרגלייכן פון דאָרפישן לעבן־שטייגער געפינען מיר אַ סך, ווי צ. ב.: „צוביסלעך, אומבאַמערקט האָט די פאַרזאַמלונג גענומען אויפפּלאַקערן פון אַלע זייטן, ווי אַ סקירדע טרוקענע שטרוי" (ז. 106), „איבער'ן צימער האָט זיך געטראָגן אַ טומל, ווי אַ ווינט איבער גראָז" (ז. 42), „ס'איז שלעכט, רב יעקב, ס'איז פּאַסקודנע. זי דרייט שוין מיט די פליגלען צו זיי" (ז. 45), „די קראָפּעווע האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט אין אירע אויגן" (ז. 108), „די אויגן זיינען ביי שעפּטלען אַנגעזאָפּן ביז צום פּלאַצן, ווי די נאַזאַרעווויטשער ברוינע פלוימען" (ז. 170).

נאָטע לוריע האָט אין עטלעכע יאָר אַרום אַרויסגעגעבן אַ וויכטיגן צווייטן טייל—נאָך אַ בוך „דער סטעפּ רופט".

:: :: ::

דוד בערגעלסאָן איז ניט נאָר איינער פון די עלטסטע און באַדייטנדיגסטע אידישע פּראָזע־שרייבער, נאָר ער איז שוין געוואָרן אַ קלאַסיקער ביי זיין לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1884 אין אָכרימאָווע, ניט ווייט פון אומאַן און קיעוו. אָנגעהויבן פרי שרייבן. זיינע ערשטע דערציילונגען האָט מען אָבער לאַנג ניט געוואָלט דרוקן. ערשט אין 1909 דערשיינט זיין ערשט בוך „אַרום וואָקזאַל" און אין אַ יאָר אַרום „דער טויבער", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך אין יאָר 1906.

אין יאָר 1912 דרוקט ער אָפּ זיין גרויסן ראָמאַן „נאָך אַלעמען". אידעאָלאָגיש איז „נאָך אַלעמען", ווי זיינע פריערדיגע ווערק, אַן אויסדרוק פון די פּעסימיסטישע שטימונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין דער אידישער ליטעראַטור.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווערט בערגעלסאָן איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון דער „קולטור־ליגע" — אַ נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע

קולטור־אָרגאַניזאַציע אין קיעוו. ער גיט אַרויס די זאַמלביכער „אייגנס", אין וועלכע ער דרוקט אָפּ זיינע ווערק „אין פאַרטונקלטע צייטן" און „אָפּ־גאַנג", וואָס זיינען געשריבן אין דעם גייסט פון זיינע פריערדיגע ווערק. אין 1921 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, און דאָרטן געוואוינט עטלעכע יאָר.

אין בערגעלסאָנ'ס שאַפן הויבט זיך מערקן אָן ענדערונג נאָך אין יאָר 1923. ער שרייבט דאַן אַ ריי קלענערע דערציילונגען („איינעמ'ס אַ וועג", „אויף דער הונדערטער איינטער וויאָרסט" („ביים טעלעפאָן") און אַנדערע), אין וועלכע עס ווערט שוין קינסטלעריש דאָקומענטירט זיין קער צו דער רעוואָלוציע (דאָס בוך „שטורעם־טעג").

דוד בערגעלסאָן

אינ'ם יאָר 1924־1925 שרייבט אָן בערגעלסאָן זיין גרויס ווערק „מדת הדין", אין וועלכן ער שילדערט די העלדישקייט פונ'ם בירגער־קריג און דריקט אויס זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אין יאָר 1926 גיט בערגעלסאָן אַרויס אין בערלין אַ פּראָ־סאָוועטישן זשורנאַל „אין שפּאַן". אין יאָר 1929 באַזוכט ער אַמעריקע. אין זיינע ווייטערדיגע ווערק, און באַזונדערס אין „פּענעק" (ביים דניעפּער), וואָס איז דערשינען אין יאָר 1932, דערנעענטערט ער זיך אַלץ מער צו דער פּראָלעטאַרישער וועלט־אנשויאונג. אין יאָר 1934 דרוקט בערגעלסאָן אָפּ דאָס בוך „בירעבידזשאַנער"; אין 1935 — „צווישן לעבעדיגע מענטשן"; און „טראָט נאָך טראָט" אין 1938. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אָנגע־

שריבן נאָך אַנדערע באַדייטנדיגע ווערק און אַ צווייטן טייל, אַ גרויסן בוך און פאָרטזעצונג פון „ביים דניעפּער".

:: :: ::

אַ סך פון אייך האָבן מעגלעך געלייענט אַ צאָל פון בערגעלסאָנ'ס ווערק אָדער די קאַפּיטלעך פון זיינע ווערק און זיינע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך אָפּט און ציימנווייז זייער רעגולער געדרוקט אין דער „פרייהייט" אין „מאָרגן-פרייהייט". אַ סך פון אייך האָבן אפשר פערזענלעכע דערינערונגען פון בערגעלסאָנ'ען; האָבן געהערט זיינע רעדעס און לעקציעס פון אָנהויב 1929, ווען ער האָט באַזוכט אַ סך אַמעריקאַנער שטעט. אין דעם זין איז ער מעגלעך ניט ווייניגער אַמעריקאַנער שרייבער, ווי אַ סאָוועטנפאַרבאַנדישער.

מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו אַנאַליזירן רעכט ניט נאָר אַלע ווערק פון בערגעלסאָנ'ען, נאָר אַפילו איינס פון זיי. איך וויל אָבער זאָגן כאָטש עטלעכע ווערטער וועגן זיין ערשטן בוך „ביים דניעפּער", איינס פון די וואָגיגסטע ווערק אין דעם סאָוועטישן און פּראָלעטאַרישן פּעריאָד. דאָס בוך פאַרנעמט אַרום 600 בוך-זייטן און איז פון די וויכטיגסטע ווערק אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור.

אין „ביים דניעפּער" (אָדער „פּענעק") האָט בערגעלסאָן פאַר זיך געשטעלט אַ נייע, זייער קאָמפּליצירטע אויפגאַבע: צו דורכמאַכן אַ רעוויזיע, אַ קוק טאָן מיט אַנדערע אויגן, פּראָלעטאַרישע, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אויף די העלדן, טיפּן פון „נאָך אַלעמען", ווי פון די אַנדערע ווערק פון זיין פריערדיגן פּעריאָד.

אויך דער ערשטער טייל פון „ביים דניעפּער", ווי „נאָך אַלעמען", האָט צו טאָן מיט די אַכציגער-ניינציגער יאָרן פון'ם 19טן יאָרהונדערט. בערגעלסאָן פאַרנעמט זיך אָבער דאָ ניט מיט קעגנשטעלן איין בורזשואַזן שיכט צו אַ צווייטן שיכט פון דער בורזשואַזיע, ווי אין „נאָך אַלעמען", נאָר ער שטעלט דאָ קעגן די גאַנצע בורזשואַזיע צו די אַרבעטנדיגע און באַווייזט אונז דערביי דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דער בורזשואַזיע. חוץ דעם האָט בערגעלסאָן דאָ אויך געפּרואווט ווייזן דאָס לעבן פון די אַרבעטנדיגע מאַסן אין די שטעטלדיגע הינטער-געסלעך, ווי פון די „קיך"-מענטשן אין מיכאל לעווינ'ס „הויז". ווען מיכאל לעווין האַלט ביים שטאַרבן — דערציילט בערגעלסאָן — פאַרבלאָנדזשעט איינמאָל „פּענעק" אין גוראַלניע און קומט דאָרט צו צו איינער אַ פינצטערער און פאַרשטיקטער לאָך פון דער גוראַלניע-געביידע, וואו עס געפינט זיך אַ פּויעריש קינד און טרייבט אין אַ פּאָר פערד. און אָט וואָס פּענעק האָט דערזען:

„אויף איינער פון די דראָנגען זיצט באַרוועס אַן אָרים געלאַטעט אוקראַיניש אינגל, אין פּענעק'ס עלטער, דרייט זיך ראָד-אַרום מיט אַ בייטש אין האַנט. דאָס רעכטע אויגל ביים אינגל—איינגאַנצן אויסגערונען, בלינד, שוואַרץ, פינצטערער ווי די נאַכט, דאָס לינקע אויג

ביים אינגל העל־זועענדיג, לעבעדיג, ניט קיין אויג, נאָר אַ גליק, אַ גאַנצע וועלט פול מיט פרייד... זיין יונג קלינגענדיג קעלכל צעזינגט זיך, ווי ביים אָנזאָגן אַ פרייליכע בשורה דער גאַנצער וועלט:

„נאָ, דערעש, וויאָ, קאַשטאַן..."

... עס דאַכט זיך:

„דאָס אינגל דאָ אין לאָך ביים דריי־סלופּ איז דער טיפסטער וואָרצל פון דער גאַנצער גוראַלניע... דער סאַמע עק אירער... דער פאָטער דאָרט אין דער היים, אין בעט... מיט די צוגעשלאָסענע אויגן, מיט די צעשאָקלטע ליפּן — דער פאָטער איז דער אָנהויב פון דער גוראַלניע, און דאָס אינגל מיט'ן פינצטערן אויג—איז דער סוף. אָדער פאַרקערט: דער פאָטער איז איין עק, דאָס אינגל— דער צווייטער עק".

דאָ האָט איר אַ בילד ניט נאָר פון גרויסער עקספּלואַטאַציע, נאָר אין אַ געווויסן זין אַ סימבאָל פון דער קלאַסן־צעטיילונג אין דער געזעלשאַפט, פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, פון אַלע „באָסעס" אין דער גאָרער וועלט.

די צענטראַלע פיגור איז פענעק, דורך וועמען בערגעלסאָן דעקט אויף דעם כאַראַקטער פון דעם „שיינעם אידן", און גביר פון שטעטל, מכאל לעווין, וואָס איז די צווייטע הויפּט־פיגור פון בוך. אין דער געשטאַלט פון לעווין פירט דורך בערגעלסאָן אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון זיין פריער־דיגן צוגאַנג צום גביר גדליה הורוויץ'ן, ווי צו דער גאַנצער הורוויץ־פאַמיליע אין „נאָך אַלעמען".

ניט נאָר דער אינהאַלט, נאָר אויך דער אופן פון שילדערן, די פאָרם, איז שוין דאָ אַנדערש. אָנשטאָט דער נאָגנדיגער, איינטאָניג־פּעסימיס־טישער, אימפּרעסיאָניסטישער שילדערונג פון „נאָך אַלעמען", געפינען מיר אין „ביים דניעפּער" אַ מונטערע פילפאַרביגע רעאַליסטישע שילדערונג פון דערווירקלעכקייט.

די פּראָדוקטיווקייט און די קינסטלערישע מייסטערשאַפט פון בערגעל־סאָנ'ס ווערק, ווי דער גרויסער טיפּאַזש, פּראָבלעמאַטיק און טיפער אינ־האַלט פון זיינע ביכער, פאַרזיכערן אים איינעם פון די אָנגעזעענסטע פּלע־צער אין דער אידישער ליטעראַטור.

ביבליאָגראַפישער מאַטעריאַל

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויך אויסגעוואַקסן אַן אומגעווייִנלעך־רייכע אידישע קינדער־ליטעראַטור, וואָס פאַרדינט אַ ספּעציעלע אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג. (געשריבן וועגן דעם אין „פּראָלעטאַרישער דערציאונג״, נאָ־וועמבער, 1937). ס׳איז אויך אומגעהויער אויסגעוואַקסן די ליטעראַטור־וויסנשאַפט, די ליטעראַטור־קריטיק, ווי די אידישע שפּראַך־וויסנשאַפט, וואָס פאָדערן ספּעציעלע אַרבעטן. און אַלץ איז אויף אַ מאַסשטאַב, וואָס מען קאָן אַפילו ניט חלומ׳ען אין קיין אַנדער לאַנד. די אידישע סאָוועטישע ליטעראַטור וואַקסט פון יאָר צו יאָר סיי אין קוואַנטיטעט, סיי אין קוואַליטעט. זי רוקט אַרויס נייע טאַלאַנטן און פאַרצייכנט נייע דערגרייכונגען.

פון אַ ביבליאָגראַפישן איבערבליק איבער דער אָריגינעלער קינסטלע־רישער ליטעראַטור אין אידיש, וואָס איז דערשינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בלויז אין איין יאָר צייט, אין דעם יאָר 1935, נעמען מיר אַרויס די פאָלגנדיגע פאַקטן:

דער מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס״ אַליין האָט אין 1935 אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער פון די קלאַסיקער (די אַזוי־גערופענע „מאַסן־ביבליאָטעק״). עס זיינען דערשינען 34 ווערק פון שלום־עליכמ׳ען און 7 פון י. ל. פּרץ. דער נאָכפראַג אויף דער קינסטלערישער ליטעראַטור איז געווען אַזוי גרויס, אַז אינ׳ם יאָר 1935 האָט דער פאַרלאַג „עמעס״ אַרויסגעגעבן צוויי אויפ־לאַגעס פון שלום־עליכמ׳ס מאָנאָלאָגן. ס׳איז אויך דערשינען שלום־עליכמ׳ס „אייזנבאַן־געשיכטעס״, „קאַסרילעווקע״ און „כתבים פון אַ קאָמיוואָיאַ־זשאָר״ מיט אויספירלעכע וויסנשאַפטלעכע פאָררעדעס.

אין 1935 האָט דער פאַרלאַג „עמעס״ אָנגעהויבן אַרויסגעבן די אַקאַ־דעמישע אויסגאַבע פון שלום־עליכמ׳ען אין 15 בענדער און פון מענדעלע מוכר־ספרים אין 9 בענדער. ס׳זיינען נאָך דערשינען אַ ריי וויסנשאַפט־לעכע אויסגאַבעס: אַשר שוואַרצמאַנ׳ס לידער, עטינגער׳ס געקליבענע ווערק, צוויי בענדער פון דוד עדעלשטאַט׳ס ווערק מיט חבר ק. מרמר אַלס ביאָ־גראַפער און רעדאַקטאָר, א. אַנד.

אין 1935 זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרויס 25 נייע אידישע ביכער פּראָזע און 23 ביכער פּאָעזיע. צווישן זיי אַזעלכע אָריגינעלע ווערק, ווי אָרלאַנדס „אַגלאָמעראַט״, ע. גאָרדאָנ׳ס „אינגול באַיאַר״, אַברהם קאַהאַנ׳ס

היסטאָרישער ראָמאַן „אהרן ליבערמאַן", י. ראַבינים „דער וועג איז אָפן", ש.ברעגמאַנים „ניאָמקע שווארץ", און צוויי ביכער פון דער איבערגעאַר־בעטער אויפלאַגע פון זיין ראָמאַן „דורך קריג און רעוואָלוציע", דאָלגאָ־פאָלסקיים „אגיט־פאָיעזד", באַגעניס „אויפשטייג", טרייניניס „פּראָלאָג".

עם זיינען דערשינען א ריי ביכער מיט דערציילונגען: דאַניעלים דער צווייטער באַנד „דערציילונגען און נאָוועלן", נח לוריעים „א געווינט־לעך לעבן", פייוול סיטאָים „וואָס איז געשען", און יודל יאָפעים דערציי־לונגען. פון די יונגע סאָוועטישע שרייבער זיינען אין 1935 דערשינען דריי פּראָזע־ווערק פון די חברים זאַבאַרע, דאָבין און ווינאָקור. ס'איז אויך דערשינען די ערשטע סאָוועטישע אויסגאַבע פון בערגעלסאָנים „נאָך אַלע־מען" און נייע אויסגאַבעם פון אָרלאַנדים „הרעבליעם" (3טע אויפלאַגע) און גאָטע לוריעים „דער סטעפּ רופט" (2טע אויפלאַגע).

די סאָוועטישע אידישע פּאָעזיע האָט אין 1935 געגעבן אַזעלכע ווערק, ווי מאַרקישעס „אנשל דער זשעלאַזניק", פעפערים א באַנד נייע לידער, האָפשטיינים א באַנד לידער, ש. האַלקינים „קאָנטאַקט", כאַשטשעוואַצקיים צוויי ביכער („ראָט פראָנט" און „האַנט־ביי־האַנט"), פינטשעווסקיים פּאָעמע „דאָס לעבן און דער טויט פון וויליאַם סוועון", אַקסעלראָדים „און ווידער לידער". ס'זיינען אויך דערשינען ביכער פון די שרייבער, רעזניק, האַרצמאַן, קאָטליאַר, ווײַנערמאַן, ליפשיץ, העלמאָנט, טייך, נ. קאַן און אַנדערע.

צום ערשטן מאָל זיינען דערשינען ביכער פון די יונגע דיכטער: טשערניאַווסקי — „פלאַמיגע יוגנט", גרוביאַן „פון קעלער אויף דער זון", פון חיים לאַסקער „צום מאַיאַק".

ס'זיינען אויך דערשינען צוויי סאָוועטישע ליטעראַרישע זאַמלונגען: דער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" און „סאָוועטיש ווייסרוסלאַנד".

אָט דאָס אַלץ און צענדליגער אַנדערע בעלעטריסטישע ביכער און זשורנאַלן זיינען דערשינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין איין יאָר צייט, אין דעם יאָר 1935!

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד, קאָן די אידישע ליטעראַטור אָנווייזן אויף אַזאַ עשירות?

נייע ביכער

איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צוזאַמענצושטעלן ביבליאָגראַ־פישע צעטלען פון דער אידישער בוך־פּראָדוקציע אין די שפּעטערדיגע יאָרן. פונדעסטוועגן וויל איך צוגעבן א ביסל צופעליגע ידיעות פון דערשינענע קינסטלערישע ביכער אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

איציק פעפער'ס א נייער בוך לידער „קראַפט"; מ. דאַניעל: „דער סוף פון א יונגער ליבע"; ע. גאָרדאָן: „אין א גוסרעגן"; ש. ראָסינ'ס „אין איינער א נאַכט"; „מיט די ערשטע"; ב. אָרשאַנסקי: „אין קאַלימע"; ב. ערקעס: „דער קאַמף דויערט"; נח לוריע: „שמואל

הערש״; חיים מעלאמוד: „בליענדיגע אקאציעס״ (ראמאן געבויט אויף מאטעריאל פון אידישן נאציאנאלן ניי־זלאטאפאליער ראיאן); נסתר: „דריי הויפט־שטעט״, „משפחה מאשבער״, און הונדערטער אנדערע ביכער.

אט, צום ביישפיל, זיינען דערשינען אין פארלאג „עמעס״ אליין די פאלגנדיגע ביכער: ש. האלקינ׳ס „בר־כוכבא״, ל. קוויטקא׳ס א בוך נייע לידער, ע. פינינבערג׳ס נייער בוך לידער „געשיכטעס״, „שקאראווסקי׳ס ראמאן „אדעס״, ש. ראסינ׳ס בוך לידער „צו דער צייט״, בוזי אלעווסקי׳ס בוך דערציילונגען „אנהויב לעבן״ (ער איז אויך איינער פון די טאלאנט־פולסטע יונגע סאוועטישע דיכטער, וואס האט שוין ארויסגעגעבן עטלעכע ביכער מיט לידער; ע. גארדאנ׳ס נייע דערציילונגען און נאוועלן, י. דאב־רושינ׳ס א בוך וועגן סאוועטישן פאלקס־ארטיסט בנימין זוסקין און פרץ מארקיש׳עס בוך וועגן מיכאעלס׳ן.

און אין קיעוו זיינען דערשינען: ה. בלאשטיין: „צווישן וועלף״, דערציילונגען וועגן לעבן אין די קאפיטאליסטישע לענדער; י. י. לינעצקי: „דאס פוילישע אינגל״, דאס בארימטע קלאסישע ווערק, מיט קאמענטארן פון ש. בילאוו; מ. כאשטשעוואצקי: „אשר שווארצמאן״, פאעמע געווידמעט דעם העלדיש־אומגעקומענעם דיכטער; און הונדערטער אנדערע ביכער.

די נייסטע ביכער

אין א בריוו פון מאסקווע, וואס איז דערשינען דעם 7טן דעצעמבער, 1939, אין דער „מארגן־פרייהייט״, האבן מיר געפונען די פאלגנדיגע ידיעות וועגן א ריי גרויסע און וויכטיגע ווערק, אויף וועלכע עס האבן געארבעט ענערגיש די מאסקווער אידישע שרייבער:

פרץ מארקיש האט געארבעט אויפ׳ן צווייטן בוך „דור אויס, דור איין״ און אויף א נייער פיעסע. דוד בערגעלסאן האט פארענדיגט דאס צווייטע בוך „ביים דניעפער״. ער האט געשריבן אויך א פארצייכענונג וועגן בירא־בידזשאן ספעציעל פאר מערב־אוקראינע און מערב־ווייסרוסלאנד. ש. גאדינער האט אפגעגעבן צום דרוק א בוך דערציילונגען „אנדערע מענטשן״, פארענדיגט די ארבעט איבער א נייער פארברייטערטער אויסגאבע פון „זאוועלס טראקט״, געשריבן א ראמאן „ארים און רייך״, א ריי דערציילונגען און א פארצייכענונג וועגן דעם סאציאליסטישן געוועט פון די צימליאנער קאזאקן מיט די ניי־זלאטאפאליער אידישע קאלעקטיווע פארמערס. ש. האלקין האט אנגעשריבן א פיעסע „העלדן״ פאר׳ן מאסקווער מלוכה׳שן אידישן טעאטער. געארבעט אויף א נייער דראמע אין פערזן. אייסער דעם געגרייט לידער פאר א נייעם בוך. ש. ראסין האט אפגעגעבן צום דרוק א בוך לידער „דאס געזאנג וועגן טאטן״, א קינדער־דערציילונג „דאס אינגל ביים קוילנווארפער״. געארבעט אויפ׳ן צווייטן און דריטן טייל פון דער פאעמע „זין און טעכטער״, וואס כאפט ארום די צייט פון ביר־

גער־קריג. ל. קוויטקאָ האָט צוגעגרייט צום דרוק א גרעסערע זאַמלונג ווערק (לידער און מעשיות) פאַר קינדער, פאַרענדיגט א פּאָעמע וועגן ביר־גער־קריג. חוץ דעם האָט זיך געדרוקט קוויטקאָ׳ס א בוך נייע מעשיות פאַר קינדער. קוויטקאָ׳ס ווערק זיינען אין א גרויסער צאָל איבערזעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן.

אקטיוו האָט געאַרבעט איינער פון די עלטסטע אידישע שרייבער — ליפּמאַן־לעווין. געשריבן א ראָמאַן „די רעוואָלוציע גייט". עס איז דאָס פינפטע בוך, וואָס פאַרענדיגט דעם ציקל „דורות דערוואַכטע", וועגן דער רעוואָלוציע פון 1905. אויך געשריבן ליטעראַרישע מעמוארן, „בלעטלעך אַפּגעריסענע". אויך געאַרבעט אויף א ציקל נאָוועלן פון דער היינטציי־טיגער טעמאַטיק אונטער׳ן נאָמען „קינדער". עליע גאָרדאָן האָט אָפּגע־געבן אין דרוק א באַנד דערציילונגען פון קאָלווירטישן לעבן. געאַרבעט איבער׳ן צווייטן בוך „אינגל באָיאַר". מ. דאַניעל האָט געאַרבעט אויף דעם צווייטן בוך „מיין גאָלדענע קינדהייט". ער האָט אָנגעשריבן א נייע פּיעסע „שלמה מימון", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער מלו־כה׳שן טעאַטער. א. קושניראָוו האָט געשריבן א נייע דראַמע אין פערזן. ע. פינינבערג האָט אָנגעשריבן א בוך וועגן דעם לעבן און שאַפן פונם גרויסן אוקראַינישן פאָלקס־דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ. ער האָט גע־אַרבעט אויף א ביכל איבערזעצונגען פונם רוסישן דיכטער לערמאָנטאָוו און אויף א בוך פּאָעמען. בוזי אָליעווסקי האָט געגרייט צום דרוק א בוך לידער און געשריבן אויך דערציילונגען. ב. אָרשאַנסקי האָט געאַרבעט איבער א גרעסערער דערציילונג פון קאָלווירטישן לעבן. ידידיה מאַר־גאָלים האָט פאַרענדיגט א דראַמע „מאַרגנרויט" פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין 1901. ז. ווענדראָף האָט פאַרענדיגט א זאַמלונג דערציי־לונגען אונטער׳ן נאָמען „טעג און יאָרן".

אינטענסיוו זיינען אויך געווען די מאָסקווער יונגע דיכטער. ע. קאַ־זאַקעוויטש האָט פאַרענדיגט א קאָמעדיע „מילך און האָניג" (אויף ביראָ־בידזשאַנער טעמאַטיק). געגרייט צום דרוק א בוך ביראָ־בידזשאַנער „נאָ־וועלן". אין דרוק האָט זיך שוין געפונען זיינס א בוך לידער און פּאָעמעס „גרויסע וועלט". די דיכטערין כאַלאָדענקאָ האָט געאַרבעט אויף א בוך דערציילונגען און א ביכל לידער. א. ווערגעלים האָט צוגעגרייט צום דרוק זיין ערשט בוך ביראָ־בידזשאַנער לידער, „היים".

א גרויסע אַרבעט האָבן געפירט די מאָסקווער אידישע ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער — סיי די עלטערע, סיי די יונגע. י. דאָברושין, וואָס איז אין 1938 יאָר באַלוינט געוואָרן פון דער סאָוועטן־רעגירונג מיט׳ן אָרדן „ערן־צייכן", האָט געשריבן א גרויסע אַרבעט וועגן דעם שעפערישן וועג פון דוד בערגעלסאָן, און באַזונדערס וועגן דעם צווייטן באַנד „ביים דניעפּער". א. גורשטיין האָט געאַרבעט איבער א בוך „פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם". מ. ווינער האָט געגרייט א בוך קריטיק וועגן

דער סאָוועטישער דיכטונג. שכנא עפּשטיין האָט געשריבן אַן אָפּהאַנד־לונג אויף דער טעמע „שלום עליכם אין אַמעריקע און אַמעריקע ביי שלום עליכמ׳ען. אויך געשריבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אָשר שוואַרצמאַן, איז צוגעטראָטן צו אַ גרויסער קריטישער אַרבעט איבער דער סאָוועטישער דיכטונג און געגרייט נאָך אַן אַרבעט וועגן י. ל. פּרץ. דער יונגער קרי־טיקער ה. רעמיניק האָט צוזאַמען מיט׳ן חבר מ. נאָטאָוויטש צוגעגרייט און אָפּגעגעבן אין דרוק אַ באַנד לינעצקי׳ס ווערק. ער האָט אויך צוגע־גרייט צום דרוק אַ בוך וועגן שלום עליכמ׳ס שאַפונג, און געאַרבעט איבער אַ זאַמלונג קריטישע אַרטיקלען וועגן דער סאָוועטישער דיכטונג. די חבר׳טע רובינא האָט זיך פאַרנומען מיט אַ גרויסער פאָרשערישער אַרבעט וועגן י. ל. פּרץ.

די מאָסקווער שרייבער האָבן אויך געגרייט עטלעכע זאַמעל־ביכער: אַ „שלום־עליכם בוך", אַ „שוואַרצמאַן־בוך", אַ זאַמלבוך צו דעם יובילייפונם שרייבער דוד בערגעלסאָן. פאַר די אַלע זאַמעלביכער האָבן די מאָ־סקווער שרייבער, דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער צוגעגרייט אַ ריי אַר־טיקלען, לידער, נאָוועלן, זכרונות. צו די וואָלן אין די אָרטיגע סאָוועטן פון די אַרבעטנדיגע וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם 24טן דעצעמבער, 1939, האָבן די שרייבער אָפּגעגעבן אין דרוק אַ ריי נאָוועלן און דערציילונגען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע און מיט די וואַלן און אַ סך ספּעציעלע אַרבעטן האָט מען צוגעגרייט פאַר דער באַ־פרייטער אידישער באַפעלקערונג פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייס־רוסלאַנד.

און מיטן זעלביגן פיבערדיגן שאַפן זיינען געווען אַרומגעכאַפּט די צענדליגער אידישע שרייבער פון מינסק און קיעוו, פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. די פאַקטן רעדן פאַר זיך אַליין. נאָכאַמאָל:

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד, קען די אידישע ליטעראַטור אָנווייזן אויף אַזאַ עשירות?

שרייבער און ווערק אין די הונדערטער

אין די ראַמען פון דער מאַקסימום־גרוים, וואָס די אַרבעט קאָן זיין, האָב איך געקענט בלויז פּרואוון אָנצייכענען די גרונט־שטריכן און כאַ־ראַקטעריסטישע מאָמענטן פון דעם דערפאָלגרייכן גאַנג פון דער סאָוועט־טישער אידישער ליטעראַטור. עס איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך צו פאַר־סך־הכל׳ען אויספירלעך איר גאַנצן וועג פאַר די 25 יאָר זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מיר האָבן צו טאָן מיט הונדערטער בעלעטרים־טישע ווערק און העכער 200 שרייבער, און מיר האָבן זיך קיין סך ניט געקענט אָפּשטעלן אפילו אויף די סאַמע וויכטיגסטע פון זיי.

מיר וועלן דעריבער כאָטש איבערגעבן אַ צעטל מיט נעמען פון אי־דישע שרייבער, וואָס האָבן שוין אַרויסגעגעבן ביכער:

אין מאָסקווע: פּרץ מאַרקיש, ל. קוויטקאָ, דוד בערגלסאָן, ש. גאָדינער, ש. האַלקין, אי. נוסינאָוו, ש. ראָסין, ליפּמאַן־לעווין, עליע גאָרדאָן, א. פּרומקין, מ. דאַניעל, ש. פּאַלאַטניק, קליטעניק, ש. רויטמאַן, י. קאָטליאַר, דימאַנטשטיין, ה. גורעוויטש, אי. רעזניק, א. קושניראָוו, ע. פיניבערג, בוזי אָליעווסקי, ליטוואַקאָוו, ב. אָרשאַנסקי, ידידיה מאַרגאָלים, א. פינקעלשטיין, י. שלעזינגער, בעזנאָסיק, פיינזילבער, אָ. מאַרגולים, ז. ווענדראָף, ע. קאָזאַקעוויטש, כאַלאָדענקאָ, אַ. ווערגעלים, י. דאָברושין, בראַכמאַן, משה טייטש, מ. שיינגאָלד, א. גורשטיין, מ. ווינער, שכנא עפּשטיין, י. רעמניק, מ. נאָטאָוויטש, רובינאַ, און נאָך אַנדערע.

אין ווייסרוסלאַנד: ז. אַקסעלראָד, רחל בוימוואָל, בראָכעס, ה. בעריאָזקין, ראַבין, אָשעראָוויטש, מאַכאַרינסקי, ב. וואַלבע, אָגורסקי, איסאַק ראַבינאָוויטש, ל. דושמאַן, ס. נעלם, מ. סאָקאָל, מ. סולבאַק, צאַרט, קורלאַנד, שאַץ, ס. איידלין, דאָלגאָפּאָלסקי, פּ. שענקער, האָלמשטאָק, יאַשאַ גאָלדמאַן, מ. גרוביאַן, ח. גורעוויטש, א. כאַריק, מ. דעבטיאַר, ל. טאַלאַי, ז. טעלעסין, ראָכקינד, מ. ליפּשיץ, דונעץ, ס. לעלטשוק, ח. מאַלטינסקי, י. סערעבריאַני, א. פּלאַטנער, י. בראָנשטיין, או. פינסל, פּ. פּלאָטקין, ז. צירלין, ה. קאַמענעצקי, עליע קאַהאַן, סאָרע קאַהאַן, רוואווע רייזין, מ. טייף, ה. רעלעס, ה. שוועדיק, און אַנדערע.

אין בירא־בידזשאַן און אויף אוקראַינע: נסתר, נח לוריע, אָרלאַנד, איציק קיפּנים, נאָטע לוריע, אַלבערטאָן, אַברהם קאַהאַן, שעכטמאַן, חיים גילדין, אַראָנסקי, פייוול סיטאָ, גאָנטאַר טאַבאַטשניקאָוו, זאַבאַרע, פּאַליקמאַן, סאָבריאַנסקי, פּאָליאַנקער, וועלעדניצקי, איציק פעפער, ריווע באַליאַסנע, דאָרע כייקינע, מ. האַרצמאַן, חנה לעווין, מ. שטורמאַן, טאַלאַלייעווסקי, דובילעט, ש. בילאָוו, אי. דרוקער, לאָפּאַטע, העלמאָנד, חנא וויינערמאַן, ש. גאָלדבערג ש. שקאַראַווסקי, ה. בלאָשטיין, כאַשטשעוואַצקי, ש. לאָפּאַטין, א. ליבערבערג, נ. שמאַין, א. באָראָדיאַנסקי, גובערמאַן, ג. קאָסאָי, ד. וואָלקענשטיין, ליפּע רעזניק, דיאַמאַנט, פּינטשעווסקי, קאָטליאַר, מ. עריק, אַבאַרבאַנעל, ה. קאָן, טשערניאַווסקי, מ. שאַפּיראָ, ב. שאַפּיר, ריסקינד, גוטיאַנסקי, זעלדין כאָראַל, פּיאַטיגאָרסקי, דריז, בוכבינדער, לאַסקער, אויסלענדער, האָלדעס, טוטשינסקי, קליאַצקינע, ליסאַק, חוה מאַרקאָוויטש, ס. סומני, י. לובאָמירסקי, נ. פּידעלמאַן, ווייזנוואַרג, העלער, יאַנקעלעוויטש, ווערעמיקין, יודאָווין, סאַוויקאָווסקי, כינטשין, וואָלף ראַבינאָוויטש, א. וואָראָבייטשיק, נאַדעל, קוויטני, עליאָוויטש, ז. סקודיצקי, טשערנים, קאַהאַנע, אייזיק קאַהאַן, ליובע וואַסערמאַן, קאָראָביינים, בערעגאָווסקי, ה. דובינסקי, ש. קופּערשמיד, לויצקער, מיידאַנסקי, ע. ספּיוואַק, ליעוו, טריינים, מ. גאָלד, מ. גאָלדשטיין, בענדאַס, גיטערמאַן, ווינאָקור, גאָראָכאָוו, ל. בראָוואַרניק, זעבצער, בילענקין, דינה ליובקים, נ. שטיף, אַבטשוק, מיטלמאַן, באָראָווי, ריוועס, יודל יאַפּע, פּערסאָוו, ש. ברעגמאַן, ש. גאָרדאָן, באָרדזשעס גרין, הינדעס, באַגען, גרינזייד,

ש. ראַבין, ווײַנהויז, א. ד. מיראַל, ב. מילער, ה. מײַזעל, פּ. אַלטמאַן, וועלט־מאַן, וועוויאָרקע, בריאַנסקי, גערשענזאָן, מ. גאַלבמאַן, ע. סאָרין, ז. ווײַ־טענזאָן, א. שויכעט, חיים לעווין, און אַנדערע.

דער צעטל איז ווײַט ניט קיין פולער. אָבער שוין די גרויסע צאָל אַליין פון די שרײַבער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ביכער, איז אויך אַ באַ־ווײַז אויף דעם קאָלאָסאַלן פאַרנעם פון דער סאָוועטישער אידישער לי־טעראַטור. און —

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד, קען די אידישע ליטעראַטור אָנווײַזן אויף אַזאַ עשירות?

פינף מיליאָן אידישע ביכער אין 1940

און אָט זײַנען נאָך אַביסל צופעליגע ידיעות וועגן דערשינענע ביכער אין די יאָרן 1940־1941:

אַ באַנד נאָוועלן פון ספּעקטאָר'ן, נײַע אויסגאַבעס פון שלום עליכם און פּרץ, אַ זאַמלונג „אידישע פּאָעזיע פון 19טן יאָרהונדערט", אַ זאַמלונג פון ניו יאָרקער דיכטער משה לייב האַלפּערין. נ. אויסלענדער'ס „גע־שיכטע פון אידישן טעאַטער". אַ. מאַרגאָלים — „דער קאַמף פון די אי־דישע פאָלקס־מאַסן". אַ יודיצקי — „עטיודן איבער דער אוראַלטער געשיכטע פון אידן". בערגעלסאָנ'ס צווייטער באַנד „ביים דניעפּער". גאָ־דינער'ס — „אַנדערע מענטשן"; יודל יאַפע'ס — „פרישע כחות"; ליפּמאַן־לעווינ'ס — „טעג פאַרגאַנגענע"; י. מאַרגאָלים'עס — „סוחרים"; קיפּ־נים'עס — דערציילונגען פאַר קינדער; פערסאָוו'ס — וועגן אידישן העל־דישן לופט־פליער מאַשקאָווסקי; אַ זאַמלבוך פון אידישן פאָלקס־ליד; אַ בוך פאָלקס־מעשיות; נײַע לידער־זאַמלונגען פון אַ. קושניראָוו, ש. ראָסין, ע. פינינבערג, בוזי אליעווסקי; ערשטע לידער־זאַמלונגען פון ע. קאַזאַקע־וויטש, א. ווערגעלים, ס. גאָלדשטיין; ווערק פון אַ גרויסער צאָל אידישע שרײַבער פון מערב־ווײַסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע. צווישן זיי: לי־דער־זאַמלונגען פון די דיכטער לייזער וואָלף, זשירמאַן, רובינשטיין; אַ בוך פּראָזע פון ש. מיצמאַכער; און נאָך און נאָך.

עס זײַנען אויך דערשינען נײַע ביכער פון אידישן לעבן אין די סאָ־וועטישע שטעט, שטעטלעך און קאָלווירטן פון ל. קוויטקאָ, 2טער בוך „דור־אויס, דור־איין" פון פּרץ מאַרקיש, פון נח לוריע, א. קיפּנים, אַ. שטור־מאַן, ה. פּאָליאַנקער, חנא ווײַנערמאַן, א. גאָנטאַר, חנה לעווין, נסתר, רחל ברכות, ווענדראָף, אייזיק פלאַטנער, מ. קאַבריאַנסקי, נ. סאָלאָוויי, באָראָ־דיאַנסקי, איציק פעפער, דוד האָפשטיין, ה. בלאָשטיין, מ. אַלבערטאָן, מאַ־גיד'ס „די אידישע פאָלקס־באַלאַדע"; ביכער־אָפּהאַנדלונגען וועגן שפּי־נאָזאַ'ן, אַקאָסטאַ'ן, שלמה מיימון; ביכער פון די קריטיקער גורשטיין, דאָברושין, ווינער, ש. עפּשטיין, נוסינאָוו; זאַמלביכער „מענדעלע און

זיין צייט", „שלום־עליכם מאטעריאלן"; ווייטערדיגע בענד פון די אסאַ־דעמישע מענדעלע און שלום־עליכם אויסגאַבעס, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

עס האָבן זיך געדרוקט אַ סך ביכער פון די אידישע שרייבער פון די באַפרייטע נייע סאָוועטישע געביטן און רעפּובליקן, ווי מערב־ווייסרוס־לאַנד, מערב־אוקראַינע, בעסאַראַביע, באַלטישע לענדער, ווי דער ראָמאַן „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" וועגן אידישן לעבן אין פּוילן פון מ. בור־שטיין; אַ באַנד דערציילונגען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי, אַ ראָמאַן פון ש. בערלינסקי, אַ ראָמאַן „די וועבער פון קאַלאָמייע" פון ר. גרין; אַ בוך וועגן די אידישע קלאַסיקער פון ש. אימבער; אַ ראָמאַן „אָרעם־ברויט" פון יהושע פּערלע; גרעסערע דערציילונגען וועגן אידישן לעבן פון פּאַ־לעסינע פון ש. שטיינבערג; דערציילונגען פון י. אָקרוטני; לידער פון משה בראָדערזאָן, י. עמיאָט, א. אשענדאָרף, בונעם העלער (וועגן די מלחמה־טעג אין וואַרשע), י. רובינשטיין, ז. באָמזע, מ. א. קנאַפּהיים, רחל קאָרן, ח. ל. פוקס, א. שודריך, ח. יאַנוסאָוויטש, י. ראַוויטש (באַנד דערציילונגען וועגן פּליכטלינגען), ר. ספּארד (אויך דערציילונגען פון אידישן לעבן אין די פּוי־לישע שטעטלעך); קריטיק פון ב. מארק (מאָנאָגראַפּיעס וועגן בערגעלסאָן און שלמה מיימון") ; ד. ריכטער, ש. דרייער (וועגן ביאַליסטאָקער דיכטער); אַ אידישע אָפּערע פון אַלטער קאַציזנע; און אַז. וו., און אַז. וו.

עס איז נאָך אפשר אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ צאָל שורות פון דעם באַריכט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" (13טער אַפּריל, 1941), אַז פּרץ מאַרקיש האָט געלייענט פאַר די מאָסקווער אידישע שרייבער זיין נייע גרוי־סע לירישע פּאָעמע „צו אַ אידישער טענצערין". אין דער געשטאַלט פון אידיש מיידל האָט מאַרקיש געשילדערט די מאַרטירער־געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק. דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פון קיעווער „שטערן" האָט וועגן דער פּאָעמע געשריבן: „דאָס איז אַ געזאַנג, דורכגעדרונגען מיט ליידנשאַפטלעכער ליבע צום פאָלק און האָס צו זיינע אונטערדריקער". און אַז אין דער דיסקוסיע האָט שכנא עפּשטיין דערקלערט: „עס איז שווער צו געפינען אַזאַ פּאָעמע, אין וועלכער עס זאָל אַזוי ארויסגעזאָגט ווערן דער ווייטאָג פון פאָלק".

און אָט איז אויך אַן אינטערעסאַנטער פאַקט: דעם 16טן מאַי, 1941, האָט די מאָסקווער מלוכה־ראַדיאָ דורכגעפירט אַ שלום־עליכם פּראָגראַם צום 25טן יאָרצייט פון דעם אידישן קלאַסיקער, און די מאָסקווער „פּראַוו־דאַ" האָט געדרוקט אין יענעם טאָג אַ ספּעציעלן ארטיקל פון א. גורשטיין וועגן שלום־עליכמ'ען.

און אָט זיינען נאָך עטלעכע פאַקטן: נאָך אין יאָר 1940 האָט די סאָוועט־רעגירונג ארויסגעגעבן זיבן טעגלעכע אידישע צייטונגען, זעקס פּעריאָדישע אידישע זשורנאַלן און פינף מיליאָן אידישע ביכער. יאָ, פינף מיליאָן אידישע ביכער!

עס איז וויכטיג צו ברענגען עטלעכע ציפערן און פאַקטן אויך וועגן דעם, ווי אַזוי די אַלגעמיין־סאָוועטישע און אידישע בוך־פּראָדוקציע איז אַריינגעדרונגען צווישן די סאַמע ברייטסטע מאַסן אַרבעטער, קאָלווירט־ניקעס און אָנגעשטעלטע. אין לאַנד פון די סאָוועטן זיינען אין 1938 אַרויסגעלאָזן געוואָרן העכער 693 מיליאָן ביכער. אין סאָוועטן־לאַנד דער־שיינען אַרום צען טויזנט צייטונגען, וואָס האָבן העכער 38 מיליאָן לייענער.

די מערסטע פעלקער פון דער צאַרישער אימפּעריע האָבן ניט געהאַט קיין צייטונגען און ביכער אויף די אייגענע שפּראַכן. אין די נאַציאָנאַלע שפּראַכן פלעגט דערשיינען אַ נישטיגע צאָל ביכער.. איצט דרוקן זיך בי־כער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף 111 שפּראַכן, און אין גרויסע צאָלן. אין 1937 זיינען אויף די שפּראַכן פון די פעלקער (אויסער דער רוסישער) אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַרום 130 מיליאָן ביכער. די צאָל צייטונגען אין די שפּראַכן פון די זעלבע סאָוועטישע פעלקער (אויסער דער רוסישער) האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 35 מאָל — פון 84 אין 1913 ביז 2,965 אין יאָר 1937.

:: :: ::

אויך די מלוכה־פאַרלאַג טעטיגקייט אויף אידיש איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. פון אָפיציעלע ציפערן ווייסן מיר, צום ביישפּיל, אַז בעת אין 1928 זיינען דערשינען 238 ביכער אין אידיש, זיינען שוין אין 1930 דערשינען 463 ביכער און אין 1932 — 653 ביכער מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 2 מיליאָן 558 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אויב מיר פאַרגלייכן דאָס מיט די 399 אידישע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין דעם צאַריישן רוסלאַנד פאַר די 5 יאָר פון 1911 ביז 1915, זעען מיר טאַקע באַשיינ־פּערלעך, ווי „עס גייט אונטער” די אידישע ליטעראַטור און קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וויכטיג איז אויך, וואָס דער דורכשניטלעכער טיראַזש פונם אַרויסגע־לאָזטן בוך אין אידיש איז אין 1936 געווען: פאַרלאַג „עמעס” — 7,685 עקזעמפּלאַרן, מלוכה־פאַרלאַג אויף אוקראַינע — 4,880 עקזעמפּלאַרן און אין ווייסרוסלאַנד — 2,400 עקזעמפּלאַרן. און דער טיראַזש פון אַ אי־דישן בוך פון מאַסן־פּאָליטישער ליטעראַטור איז געווען דורכשניטלעך ביז צען טויזנט עקזעמפּלאַרן און אָפטמאָל ביז הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן.

עס איז גענוג צו זאָגן, אַז דער טיראַזש פון אַ אידישן קינסטלערישן בוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ניט בלויז אָן אַן ערך גרעסער פונם טיראַזש פון אַזאַ בוך אין אַנדערע לענדער, נאָר ער איז אויך געווען גרעסער, ווי דער טיראַזש פון אַ פּוילישן קינסטלערישן בוך אין פּוילן, און איז אויך

גרעסער ווי דער טיראַזש פון אַן איטאַליענישן קינסטלערישן בוך אין אי־טאַליע, און אַנדערע.

:: :: ::

די ווערק פון אַ סך אויסלענדישע שרייבער דרוקן זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט אַ סך אַ גרעסערן דערפאָלג, ווי אין זייער היימלאַנד. די ביכער פון שעקספיר, געטע, היינע, בייראָן, ראָמען ראָלאַן, דאַרווין, העגעל, דזשעק לאָנדאָן, אַפּטאָן סינקלער, זאָלאַ, אַנאַטאָל פראַנס, האָמער, באַר־ביוס, הוגאָ, באַלזאַק, סטענדאַל, פלאָבער, דיקענס, מאָפּאַסאַן, מאַרק טווייַן, טעאָדאָר דרייזער, עדגאַר אַלאַן פּאָו, אָ'הענרי וואָלט וויטמאַן, און אַ סך אַנדערע וועלט־שרייבער, פילאָזאָפן און געלערנטע, ווי פון די רוסישע קלאַסיקער און וויסנשאַפטסלייט, גייען זיך פונאַנדער איבערן לאַנד אין הונדערטער טויזנטער אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן.

די קינסטלערישע ליטעראַטור איז געוואָרן דאָס אייגנס פון די ברייטע מאַסן פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג. די פּראָדוקציע פון קינסט־לערישע ווערק אַליין דערגרייכט שוין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרום הונ־דערט מיליאָן עקזעמפּלאַרן אַ יאָר. אין די מיליאָנען עקזעמפּלאַרן ווערן געדרוקט די ביכער פון די וועלט־קלאַסיקער, פון די רוסישע און אידישע קלאַסיקער, ווי פון די קלאַסיקער פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן.

אין דעם יאָר 1936 אַליין, צום ביישפּיל, זיינען אין סאָוועטן־פאַר־באַנד פאַרקויפט געוואָרן פון: שעקספּיר, 329 טויזנט ביכער; גאָגאָל, צוויי מיליאָן מיט 99 טויזנט; לערמאָנטאָוו, איין מיליאָן 981 טויזנט (און ביז 1939 זיינען דערשינען לערמאָנטאָוו'ס 4 מיליאָן 500 טויזנט ביכער, פון זיי 300 טויזנט אין 26 שפּראַכן); טאָלסטאָי, צוויי מיליאָן 491 טויזנט; באַרביוס, 918 טויזנט; מאַיאַקאָווסקי, איין מיליאָן 96 טויזנט; היינע, 338 טויזנט; ליאָן פויכטוואַנגער, 380 טויזנט; שאָלאָ־כאָוו'ס „שטילער דאָן", צוויי מיליאָן; ניקאָלאַי אָסטראָווסקי, איין מיליאָן 440 טויזנט; און אַזוי ווייטער, און אַזוי כסדר. (איך שטעל זיך דאָ ניט אָפּ אויף די וואונדערלעכע מיליאָניגע טיראַזשן פון די טעכנישע און פילאָזאָפיש־מאַרקסיסטישע ווערק, ווייל אין דער אַרבעט אינטערעסירט אונז קודם כל די קינסטלערישע ליטעראַטור). .

מיר וועלן נאָך ברענגען כאָטש צוויי וויכטיגע און אינטערעסאַנטע טאַבעלן, וואו עס ווערן פאַרגליכן די פּראָדוקציע פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד אין די 19 יאָר (1897—1916) פאַר דער רע־וואָלוציע מיט די 19 סאָוועטישע יאָרן (1917—1936) נאָך דער רעוואָ־לוציע. די פאַקטן און די ציפערן ווערן געדרוקט צום ערשטן מאָל אויף אידיש און וועלן רעדן פאַר זיך אַליין.

1897—1916

אויטאר	רוסיש	אנדערע שפראכן	סך הכל
גאָרקי	1,072,000	11,000	1,083,000
פושקין	9,402,000	34,000	4,436,000
לעוו טאָלסטאָי	8,774,000	67,000	8,841,000
טשעכאָוו	493,000	16,000	509,000
באַלזאַק	99,000	1,000	100,000
וויקטאָר הוגאָ	393,000	4,000	397,000
דיקענס	743,000	4,000	747,000
סערוואַנטעס	105,000	3,000	108,000
אַנאַטאָל פראַנס	515,000	8,000	523,000
ראָמען ראָלאַן	24,000	——	24,000
העגעל	5,000	——	5,000
דאַרווין	68,000	——	68,000
ניוטאָן	5,000	——	5,000
שפינאָזע	7,000	——	7,000
איינשטיין	——	——	——

1917—1936

אויטאר	רוסיש	אנדערע שפראכן	סך הכל
גאָרקי	29,093,000	2,876,000	31,969,000
פושקין	18,625,000	495,000	19,120,000
לעוו טאָלסטאָי	13,021,000	938,000	13,959,000
טשעכאָוו	10,389,000	1,017,000	11,406,000
באַלזאַק	1,260,000	18,000	1,278,000
וויקטאָר הוגאָ	1,481,000	300,000	1,781,000
דיקענס	1,038,000	64,000	1,102,000
סערוואַנטעס	339,000	145,000	484,000
אַנאַטאָל פראַנס	1,276,000	20,000	1,296,000
ראָמען ראָלאַן	1,343,000	50,000	1,393,000
העגעל	40,000	——	40,000
דאַרווין	181,000	——	181,000
ניוטאָן	45,000	——	45,000
שפינאָזא	55,000	——	55,000
איינשטיין	48,000	——	48,000

העכער דריי מיליאָן ביכער פון שלום-עליכם

„ניטאָ קיין שענערע לעגענדע, ווי די וואָס
אונזער לעבן שאַפט". (מ. גאָרקי).

ווי לעגענדעס, ווי פאַנטאַסטישע מעשה'לעך, לייענען זיך די באַשרייבונגען פון די גראַנדיעזע פייערונגען אין סאָוועטן-פאַרבאַנד לכבוד די אידישע קלאַסיקער, ווי מענדעלע, שלום-עליכם, י. ל. פּרץ, י. י. לינעצקי, ד. בערגעלסאָן, און אַנדערע די יאָרצייטן און יובילייען פון די אידישע קלאַסיקער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקס יום טובים, אין אַלפאַרבאַנדישע פייערונגען, אין מלוכה'שע געשעענישן

גראַנדיעז איז געווען די רעגירונגס-פייערונג פון דעם 100-יאָריגן יובילײ פון מענדעלע מוכר ספרים אינם מאָסקוווער היסטאָרישן קאָלאָנעןזאַל. היסטאָריש וועט פאַרבלייבן די דאַטע פון 19טן אַפּריל, 1939, ווען אין קאָלאָנען-זאַל פון פאַראיינען-הויז איז פאָרגעקומען דער אָוונט, וואָס אַ סאָוועטישע רעגירונגס-קאָמיסיע האָט אָרגאַניזירט לכבוד דעם 80-יאָריגן געבורטסטאָג פון שלום-עליכם.

דעם 3טן דעצעמבער, 1939, האָט די פאַראייניגונג פון אַלע שרייבער פון גאַנצן סאָוועטן-פאַרבאַנד צוזאַמען מיט'ן אידישן קלוב „קאָמוניסט", דורכגעפירט אין דעם זעלביגן פאַראיינען הויז אַ יובילײ-סעסיע לכבוד דעם 100-יאָריגן געבורטסטאָג פון י. י. לינעצקי. מיט עטלעכע טעג שפּעטער — אַן אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון אָשר שווארצמאַן.. גראַנדיעזע אַלפאַרבאַנדישע אָוונטן זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט'ן 25טן יאָרצייט נאָך י. ל. פּרץ און לכבוד דעם 30-יאָריגן יובילײ פון דוד בערגעלסאָנ'ס ליטעראַרישער טעטיגקייט.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק האָט אַ רעגירונג דערקלערט פאַר מלוכה-יום טובים די פייערלעכע דאַטעס פון אידישע שרייבער.

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד, איז עס געמאָלט, אַ חוץ אין דעם לאַנד פון סערפּ און האַמער ?

פעלקער־פריינטשאַפט

די פייערונגען זיינען די בעסטע אילוסטראַציע פון דער פעלקער־פריינטשאַפט אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן. די פייערונגען האָבן באַוויזן, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור שאַצט אָפּ און נעמט איבער די גרויסע ירושה פון די אידישע קלאַסיקער, ווי פון דער גאַנצער אידישער ביז־אָק־טאָבער ליטעראַטור. די פייערונגען האָבן אויך אילוסטרירט די גוואַלדיגע אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס ווערט געשענקט דער קולטור און ליטעראַטור אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם.

אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט׳ן יובילײ פון שלום־עליכם. מען האָט אַרויסגעגעבן אין ריזיגע טיראַזשן שלום־עליכמ׳ס ווערק אין אידיש און אויף אַ סך אַנדערע שפּראַכן. אַלע צייטונגען און זשורנאַלן האָבן געהאַט שלום־עליכם־נומערן און זייטן. מען האָט אַרויסגעגעבן וועגן אים ספּעציעלע וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע, לי־טעראַטור־קריטישע ביכער, אַלמאַנאַכן און זאַמלונגען. מען האָט דורכ־געפירט פייערלעכע רעגירונגס־אָוונטן אין אַלע וויכטיגע שטעט פון לאַנד, ווי אין טויזנטער קלובן, פאַבריקן, קאָלווירטן, רויט־אַרמײ־טײלן, אַנ־שטאַלטן. מען האָט דורכגעפירט שלום־עליכם־אויסשטעלונגען אין אַ סך שטעט. די טעאַטערס האָבן געשטעלט שלום־עליכם־זאַכן, די זינגער־קאָ־פּעליעס, מוזיקער, מאָלער און סקולפּטאָרס האָבן צוגעגרייט ספּעציעלע אַר־בעטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטעלן צוויי דענקמעלער שלום־עליכמ׳ען — אין קיעוו און אין בערדיטשעוו.

די רעדעס אויף די פייערלעכע שלום־עליכם־אָוונטן זיינען געבראָד־קעסט געוואָרן פאַר׳ן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען האָט געגרינדעט סטי־פּענדיעס אויף זיין נאָמען פאַר אַ סך סטודענטן אין סאָוועטישע אידישע הויכשולן. מען האָט דורכגעפירט קאָנפערענצן פון לייענער פון שלום־עליכמ׳ען, ווי אויך אָרגאַניזירט אָלימפּיאַדעס פון פאָרלייענער און זעלבסט־טעטיגע קרייזלעך, וואָס לייענען און שטעלן שלום־עליכמ׳ס ווערק. די קינאָ־סטודיאָס האָבן געשאַפן פילמס וועגן אים, און אידישע ווי ניט־אידישע סאָוועטישע שרייבער האָבן געווידמעט אַ גרויסע צאָל לידער אים און זיינע העלדן, און אַפילו געשאַפן אַ סך קינסטלערישע דערציילונגען און דראַמאַטישע ווערק מיט שלום־עליכמ׳ען אליין אַלס העלד און לע־בעדיגע פיגור, ווי זיי האָבן עס אויך געטאָן מיט מענדעלע׳ן און אַנדערע קלאַסיקער און קינסטלער. איז —

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד, איז עס געמאָלט, אַ חוץ אין דעם לאַנד פון רויטן פינף־עקיגן שטערן?

אַט־די היסטאָרישע פייערונגען האָבן פאָרדינט, אַז מען זאָל וועגן זיי אָנשרייבן אַ ספּעציעלע אַרבעט און טאַקע דאָרטן איבערגעבן אַלע באַ־

דייטונגספולע איינצלהייטן און מאָמענטן. אָבער לייענט כאָטש די פאָל־גענדיגע געציילטע שורות:

„לויט די ידיעות פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביכער־פּאַלאַטע איז פון יאָר 1917 ביזן 1טן דעקאַבער 1938 אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן העכער 2 מיליאָן 450 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון שלום־עליכמ׳ס ווערק, דערביי איז אין רוסיש אַרויסגעגעבן געוואָרן 1 מיליאָן 326 טויזנט עקזעמפּלאַרן״..

און לויט דעם אומאויפהערלעכן וואוקס פונם טיראַזש פון שלום־עליכמ׳ס ווערק אין אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן צוליב דעם פארשטאַרקטן אינטערעס פון די לייענער־מאַסן צום גרויסן שרייבער, קען מען זיין זיכער, אַז זינט דעם 1טן דעצעמבער 1938 ביז איצט האָט מען שוין אַרויסגעגעבן העכער 3 מיליאָן עקזעמפּלאַרן. באַגרייפט נאָר וואָס דאָס מיינט:

3 מיליאָן ביכער פון שלום־עליכם!!!

דריי מיליאָן מענטשן, איינגעשלאָסן העכער אַ מיליאָן ניט־אידן, האָבן געלייענט די ביכער פון איין אידישן שרייבער*). וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער ציפער! וואָס פאַר אַ היסטאָרישער ציפער! שלום עליכמ׳ס שימעלע סאָראָקער האָט געטרוימט קוים פון 200,000 און אפילו זיין גרעסטער בעל־חלומות, מנחם מענדל, וואָלט דאָך ניט געקאָנט אויס־פאַנטאַזירן אַזעלכע פּרעכטיגע, אמת׳ע, וואָרהאַפטיגע „מיליאָנען״. דער היסטאָרישער פאַקט פאַרדינט דאָך, אַז מ׳זאָל אים באַזינגען און אים ווייד־מענען קונסט־ווערק. איז זאָגט אַליין —

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד, איז עס געמאָלט, אַ חוץ אין דעם לאַנד פון פעלקער־פריינטשאַפט?

ביים ברייטן טיש צוזאַמען מיט אַלע פעלקער

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווען מיר אויף דעם ענטפערן מיט די ווער־טער פון דוד בערגעלסאָן (דעצעמבער 1939) אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די אידישע זעלבסט־טעטיגע דראַמאַטישע קרייזן:

„עס איז דערפאַר, ווייל מיר זיצן ביים טיש פריע גלייכבאַרעכ־טיגטע. עס איז דערפאַר, ווייל מיר האָבן אַ ברייטן טיש ביי וועלכן עס זעצן זיך אוים אַלע פעלקער פון לאַנד, און מיר אויך צווישן זיי.

„עס איז דערפאַר, ווייל מיר זיבן ביים טיש פריע גלייכבאַרעכ־טיגטע. מיר זיצן פעסט און מיט גרוים שטאָלץ. עס איז דערפאַר, ווייל מיט אונז אַלעמען פירט אָן די מערקווירדיגע אַלפאַרבאַנדישע

*) דער אַרטיקל איז געדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרייהייט״ יאַנ. 21, 1940. זינט דעמאָלט איז שוין די ציפער דריי מיליאָן אויך שטאַרק פאַר־עלטערט.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי, בראש מיט'ן געני פון דער מענטשהייט, סטאַלין.

„ווי האָט מען גאָר אַמאָל געקאָנט חלום'ען פון אַזאַ ענגער שע־פערישער צוזאַמענהעפטונג פון שרייבער, קונסט־טוער, מיט'ן פאָלקס־מענטשן, מיט דער פאָלקס־אינטעליגענץ? אָט דאָס איז מעגלעך און קומט פאַר נאָר ביי אונז. דערפאַר טאַקע זיינען מיר אַזוי אייזן־פעסט פאַר אונזער לאַנד, דערפאַר זיינען מיר אַזוי גליקלעך מיט אונזער סאָ־וועטישן לעבן."

אין די טעג פון קריג

און וואָס איז געוואָרן מיט דער אידישער ליטעראַטור און קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זינט דער מלחמה מיט'ן היטלעריסטישן מאָנסטער?

מיר האָבן שוין דערציילט אַביסל וועגן דעם אין דעם קאַפּיטל וועגן מאַרקיש'עס נייסטן לידער־בוך און אין אַנדערע. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די סאָוועטישע אידן זיינען אַזוי שטאַרק טעטיג אויף אַלע מלחמה־פראָנטן, גייען זיי אויך אָן מיט זייער אַרבעט אויף אַלע געביטן פון דער קולטור.

מיר וועלן נאָך צוגעבן אַ רייע פאַקטן, וואָס קלמן מרמר האָט אַרויס־גענומען פון דער אידישער צייטונג „איינינקייט", אָרגאַן פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין קויבישעוו (געדרוקט אין דער „מאָרגן פרייהייט", דעצ. 20, 1942).

דער מינסקער אידישער מלוכה־טעאַטער וואַקסט און בליט ווייטער אין נאָוואָ־סיבירסק. דער קיעווער אידישער מלוכה־טעאַטער האָט געשפּילט אין דזשאַמבול. דער כאַרקאָווער — אין סאַמאַרקאַנד. דער לעמבערגער — אין אַלמאַ־אַטאַ. דער מאָסקווער... אין טאַשקענט. א. אַז. וו.

אויפן זעלבינן אופן, ווי די אידישע מלוכה־טעאַטערן איז אויך אַרי־בערגעפירט געוואָרן די אוקראַינישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון קיעוו. זי געפינט זיך איצט אין אופאַ. דאָרט איז איצט אויך טעטיג דער אַקאַדע־מיע'ס קאַבינעט פאַר אידישער קולטור. אַ טייל וויסנשאַפטלעכע טוער פון קאַבינעט (אַלטמאַן, דובילעט, קורלאַנד א. אַז. וו.) געפינען זיך אויפן שלאַכט־פעלד. דער טייל, וואָס אַרבעט אין אופאַ, איז אַקטיוו אויפן געביט פון שפּראַך־וויסנשאַפט און פאָלקלאָר. דער קאַבינעט פאַר אידישער קולטור האַלט ביים פאַרענדיגן אַ גרויסע אַרבעט אויף אידיש און רוסיש: „עטיודן וועגן דער אידישער ליטעראַרישער שפּראַך, וועגן איר געשיכטע און היינט־צייטיגן צושטאַנד". זי איז די אַרבעט פון די חברים ה. לויצקער, מ. מיידאַנ־סקי און אליהו ספּיוואַק, מיטגליד קאָרעספּאָנדענט פון דער אַקאַדעמיע און פאַרוואַלטער פון קאַבינעט פאַר אידישער קולטור (לויצקער'ס אַרבעט איז מאָרפאָלאָגיע און וואָרט־בילדונג, מיידאַנסקי'ס — סינטאַקסיס, פאָנעטיק און

אָרטאָגראַפיע, ספּיוואַק'ס — אויפסום, אַנטוויקלונג, דיאַלעקט און ליטעראַרישע שפּראַך פון אידיש אין סאָוועטישן פּעריאָד). דער קאַבינעט גרייט אויך אַ פאָרשונגס־מאָנאָגראַפיע „שפּראַך און סטיל אין מלחמה צייט" און אַ ריי אַנדערע אַרבעטן: „פּראָבלעמען פון דער נייער וואָרט־שאַפונג אין דער סאָוועטישער אידישער דיכטונג" פון לויצקער, „אידישער פאָלקלאָר ביז דער אָקטאָבער צייט", פון מ. בערעגאָווסקי, „אידישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין געביט פון שפּראַך, ליטעראַטור און פאָלקלאָר אין דער אוקראַאינישער אַקאַדעמיע" פון ספּיוואַק. מיידאַנסקי אַרבעט אויך אויף אַ ווערק „פּראָבלעמען פון אידישן סינטאַקסיס" און בערעגאָווסקי — איבער „אידישער אינסטרומענטאַלער פאָלקלאָר" (קלעזמער פאָלקלאָר) — לויט אַ גרויסן מאַטעריאַל, געזאַמלט אין פאַרשיידענע ערטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַ חוץ אין דעם קאַבינעט פאַר אידישער קולטור ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע ווערן אויך צוגעגרייט ביכער פון אַנדערע פאַרלאַגן. די נאָכפראַגע אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפן אידישן בוך האַלט אין וואַקסען. עס קומען אָן גרויסע באַשטעלונגען פאַר אידישע ביכער פון פאַרשיידענע פונקטן פון צענטראַלן רוסלאַנד, פון וואָלגע־געביט, פון מיטל־אַזיע און פון אַנדערע געביטן, וואו עס האָבן זיך איינגעאָרדנט עוואַקואירטע אידישע מאַסן.

פאַרשפּרייטן דאָס אידישע בוך העלפן אויך מיט דער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט און די אָרטיגע אידישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס. דער „עמעס"־פאַרלאַג האָט דורכגעפירט אַ קאַמפּאַניע צו פאַרשפּרייטן דעם אידישן בוך אין טאַשקענט, האָבן אים אין דעם אַקטיוו מיטגעהאָלפן דער פּאָרזיצער פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, דער באַרימטער סאָוועטישער פאָלקס־אַרטיסט פון דעם אידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע, ש. מיכאָעלס, און דער סעקרעטאַר פון דער אידישער סעקציע ביים אוזבעקישן שרייבער־פאַרבאַנד, דער ליטעראַטור־קריטיקער י. דאָברושין. (עס זיינען דאָרט דערביי פאַרקויפט געוואָרן פאַר פערציג טויזנט רובל ביכער). דער פאַרלאַג פון שרייבער־פאַרבאַנד פון אוקראַינע, וואָס איז טעטיג צווישן די נייע אידישע ישובים, האָט אַרויסגעלאָזן אַ סעריע ביכער אונטערן נאָמען „פראָנט און הינטערלאַנד". אין דער דאָזיגער סעריע זיינען דערשינען אויף רוסיש לידער זאַמלונגען פון די אידישע דיכטער דוד האָפשטיין און איציק פעפער.

אַ ריי נייע ווערק זיינען גרייט צום דרוק פון באַרימטע סאָוועטישע אידישע שרייבער (אין קויבישעוו און אַנדערע שטעט), ווי דוד בערגעלסאָנ'ס — אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „פרינץ ראובני" (וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן פון מעכטיגע קעניגן אין אייראָפּע אַלס אַמבאַסאַדאָר פון אַ אידישער מלוכה). לייב קוויטקאָ, אַ בוך „מאָסקווע", איציק פעפער — אַ זאַמלונג „פראָנט פאַרצייכענונגען". פּרץ מאַרקיש (מאָסקווע) — אַ פּיעסע „אויג פאַר אויג" און אַ בוך לידער „די פאַטערלענדישע מלחמה". אברהם קאַהאַן

(וואָס ארבעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל) — אַ בוך דערציילונגען. ישראל אַשענדאָרף — אַ ריי באַלאַדעס. אליעזר קאַהאַן (אָמסק) — אַ זאַמלונג הומאָריסטישע דערציילונגען. עס ארבעטן אויך אויף נייע ביכער א. קושניראָוו (פון מערב־פראָנט) — אַ בוך פראָנט־ליריק. ש. גאָרדאָן (מערב־פראָנט) — אַ סעריע פראָנט־פאַרצייכענונגען. רחל קאָרן (פערגאַנאַ) — אַ זאַמלונג לידער וועגן מאַמעס און קינדער. פּייוול סיטאָ (אופא) — אַ בוך הומאָריסטישע דערציילונגען. שכנא עפשטיין — אַ בוך „אידן אין דער מלחמה”.

איינינגע שרייבער האָבן אויך פארטיג געמאכט נייע פּיעסן פאַר דעם טעאַטער. דער דיכטער א. הובערמאן — אַן אנטי־פאשיסטישע פּיעסע „וויינט ניט מאַמעס!” פאַר דעם וויים־רוסישן אידישן מלוכה־טעאַטער. ש. האַלקין (מאָסקווע) — אַ פּיעסע פארן קונסט־קאָמיטעט פון סאָוועטן־פארבאנד. נאָטע לוריע (סאַמאַרקאַנד) — אַ פּיעסע „דעם קאָמאַנדיר׳ס פרוי”. ל. מילער האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע דערציילונג „די בירא־בידזשאנער אין די טעג פון קריג”. און אזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

עס זיינען אויך טעטיג אויף אידישע געביטן, אחוץ אויף אַלגעמיינע, אַ ריי אידישע קאָמפּאָזיטאָרן — — —

די סאָוועטישע דיכטונג ווערט אויך פאַרשפּרייט פון אידישע זינגער — ——

די אידישע שרייבער קומען מיט זייערע ווערק דירעקט צום פאָלק. אזוי, צום ביישפּיל, האָט די אידישע סעקציע פון דער סאמארקאנדער שרייבער־אָרגאניזאציע דורכגעפירט ליטערארישע זונטאָגס, וואו די שריפטשטעלער האָבן געלייענט נייע ווערק געווידמעט דער סאָוועטישער מלחמה געגן פאשיזם — — —

פאַרקלענערט בילד פון פאָדער-בלאַט

אין אינסטיטוט פאַר אידישער פראָלעטאַרישער קולטור *)

די דיסערטאַציע פונ'ם חבר אַלעקסאַנדער פאָמעראַנץ

דעם 25טן יוני, 1935, איז אינ'ם אינסטיטוט געהערט געוואָרן די דיסערטאַציע פונ'ם חבר אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר פ אָ מ ע ר אַ נ ץ , וועלכער



אַ. פאָמעראַנץ

האָט פאַרענדיגט די אַספּיראַנטור אין דער ליטעראַרישער סעקציע פונ'ם אינסטיטוט.

---

*) דאָס פאָלגנדיגע איז געווען געדרוקט אין דעם סאָוועטישן זשורנאַל „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע", אין דעם נומער יולי־סעפּט. (7) 3, 1935, וואָס דער קיעווער אינסטיטוט האָט אַרויסגעגעבן. די געציילטע נומערן פון דעם זשורנאַל זיינען שוין איצט ביבליאָגראַפישע זעלטנקייטן. צוליב דעם וואָס דער געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער דאָקומענט האָט אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר אַמעריקע האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיג אים דאָ איבערדרוקן. — אַ. פּ.

נאָכדעם ווי דער חבר פּאָמעראַנץ האָט דורכגעלייענט די טעזיסן צו זיין אַרבעט: „פּראָלעטפּען. עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פונ'ם קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע (פ. ש. א.)", אין וועלכע ס'ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פונ'ם בוך, איז אויסגעהערט געוואָרן אַן אויספירלעכע רעצענזיע פונ'ם חבר קלמן מרמר.

חבר מרמר שטעלט זיך ברייט אָפּ אויף דער פאָרגעשיכטע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין אַמעריקע, אויף איר ענגער פאַר־בינדונג מיט דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער קאָמפּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע, אויף דער ראָליע, וועלכע ס'האָט אין דעם פּרט געשפּילט דער אידישער אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער קאָמ־פּאַרטיי „די פרייהייט" (איצט „מאָרגן־פרייהייט"), אויף די שלאַכטן, וועלכע ס'איז אויסגעקומען דורכצומאַכן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין קאַמף קעגן די פיינטלעכע אַנטי־קאָמוניסטישע נאַציאָנאַליסטישע ריכטונגען. אָט די אַלע מאָמענטן, ווייזט אָן חבר מרמר, זיינען ברייט באַלויכטן אין חבר פּאָמעראַנצ'ס בוך. אָבער דעם גרעסטן טייל פון זיין ווערק (אַרום צוויי דריטל) גיט, נאַטירלעך, אָפּ חבר פּאָמעראַנץ פאַר דעם „פּראָלעטפּען" גופא, זיין פּראָגראַם, זיינע שפּעטערישע דיסקוסיעס, ליטעראַרישע אויסגאַבעס און דער ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון זיינע מיטגלידער. חבר פּאָמעראַנץ שילדערט אויספירלעך די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטאַנדן, וואָס האָבן גע־פירט צו דער גרינדונג און האָבן באַגלייט די טעטיגקייט פון אָט דער פּראָלע־טאַרישער שרייבער־אָרגאַניזאַציע. ער שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ אויף דער „וואַקכאַנאַליע" אין אויגוסט־סעפּטעמבער, יאָר 1929, און ער דערציילט געגנוי, אינ'ם קאַפּיטל „לייוויקיאַדע", ווי אַזוי לייוויק, רייזען, מנחם א. אנד. האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אַזש צום זומפּ פונ'ם געל־סאָציאַליסטישן „פאָר־ווערטס" און ווי אַזוי לייוויק און מנחם האָבן אָרגאַניזירט אַ וואָכנבלאַט „די וואָך", וואו זיי האָבן זיך געשטעלט מנחם־מענדלשע אויפגאַבעס אוועק־צונעמען די אידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיגע פון דער ווירקונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

חבר מרמר ווייזט אויך אָן אויף איינציגע ניט־פּינקטלעכקייטן און פעלערן אין חבר פּאָמעראַנצ'ס בוך. אָבער דאָס רוב זיינען דאָס מינדער־וויכטיגע דעטאַלן, וואָס ענדערן ניט דעם הויפּט־כאַראַקטער פונ'ם בוך. אינגאַנצן גענומען, איז דאָס בוך „פּראָלעטפּען" אַ וויכטיגער בייַ־טראָג צו דער געשיכטע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער. חבר פּאָמעראַנצ'ס בוך האָט נאָך די מעלה, וואָס זיין וויכטיגער אינהאַלט איז אויסגעדריקט אין אַ שיינער, לעבעדיגער ליטעראַרישער פאָרם.

נאָכ'ן חבר מרמר טרעטן אַרויס אַלס אָפּאָנענטן די חברים קורלאַנד און האַלדעס.

חבר קורלאַנד: דעם בוך „פּראָלעטפּען" האָט אונז געגעבן אַ

מענטש, וועלכער איז אַליין געווען אַן אנטיילנעמער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער „פּראָלעטפּען"־באַוועגונג. אין בוך איז פאַראַן סיסטעמאַטישקייט, פשוט'קייט און קלאָרקייט פון וואָרט און געדאַנק, פּאַרטייאישקייט אין אָפּשאַצן די געשעענישן, דערשיינונגען און פּראָצעסן, זעלבסטקריטיק, באַזירט אויפ'ן דיסקאָנט פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט אינ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס אַלץ רעדט וועגן דעם, אַז דער חבר פּאָמע־ראַנץ האָט ערנסט שטודירט די סאָוועטישע ליטעראַטור, האָט אַ סך געלערנט פון די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר ביי אונז אין לאַנד.

אַ פעלער איז דאָס, וואָס חבר פּאָמעראַנץ האָט ווייניג־וואָס און ניט גענוג טיף אויפגעדעקט די פעלערן פון „לינקייט", וואָס האָבן געהאַט אַן אָרט ביי דער אַנטשטייאונג פון „פּראָלעטפּען" און אויך שפּעטער (חבר קורלאַנד ברענגט אַ פּאָר ביישפּילן).

ניט גענוג בולט זיינען באַוויזן געוואָרן די פעדים, וואָס פאַרבינדן די היינטצייטיגע ליטעראַטור מיט דער שאַפונג פון דער אַלטער רעוואָלוציאָ־נערער ליטעראַטור פון די 90ער יאָרן.

ניט ריכטיג איז דעם חבר פּאָמעראַנצ'ס באַהויפּטונג, אַז אין צוזאַמענ־האַנג מיט מאַיאַקאָווסקי'ס קומען קיין אַמעריקע האָבן זיך דאָרט אַנטוויקלט די „לעפישע" (לינק־פּראָנטישע) שטרעמונגען. די דאָזיגע שטרעמונגען האָבן געהאַט אַן אָרט אי פריער, אי שפּעטער, און ארויסגערופן זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, פון מער וועזנטלעכע סיבות.

דער וויכטיגסטער בלויז אינ'ם בוך איז דאָס, וואָס חבר פּאָמעראַנץ האָט ווייניג אָפּגעגעבן אכט אויף צו כאַראַקטעריזירן די עצם שעפערישע פּראָדוקציע פון די פּראָלעטפּענאָווצעס גופא. פאַראַן אַ סך נעמען, אַ סך פאַקטן, אָבער כמעט קיין שום קינסטלערישע כאַראַקטעריסטיק פון די שריי־בער־פּראָלעטפּענאָווצעס.

ניט געקוקט אָבער אויף די אויבן־אויסגערעכנטע דעפעקטן, איז דאָס בוך זייער וויכטיג און אַקטועל.

אַלס צווייטער אָפּאָנענט טרעט ארויס דער חבר א. האָלדעס.

חבר האָלדעס: דעם חבר פּאָמעראַנצ'ס בוך איז די ערשטע גרויסע אַרבעט וועגן דער אידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־באַוועגונג אין דער איצטיגער אַמעריקע. געשריבן פון אַ חבר, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ היפּשן טייל פון דער געשיכטע פון דער דאָזיגער באַוועגונג, וועט דאָס דאָזיגע בוך ניט בלויז פאַרפילן אַ באַשטימטן בלויז, נאָר ס'וועט אויך מיטווירקן אַוועקצושטעלן אַ ריי פּראָבלעמען און צו פאַרנעמען זיך מיט אַן ערנסטער ציל־געווענדטער פאָרשונג פון דער אויסלענדישער אידישער ליטעראַטור.

דאָס בוך הייסט „פּראָלעטפּען" און איז געווידמעט דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער אידישער פּראָלעטאַרישער שרייבער־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וואָס טראָגט דעם זעלביגן נאָמען. דער אויטאָר באַגרעניצט

זיך אָבער ניט מיט די „פּראָלעטפּעניש‟ ראַמען. ער גיט אַ גאַנץ ברייט בילד פונעם קלאַסנקאַמף אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור.

די וויכטיגסטע מעטאָדאָלאָגישע מעלה פונ׳ם בוך באַשטייט אין דעם, וואָס דער חבר פּאָמעראַנץ שילדערט ניט די פּראָצעסן אין דער ליטעראַטור און אין די שרייבער־רייען איזאָלירט פון די אַלגעמיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָצעסן אין לאַנד. דערביי פאַלט ער ניט אַריין אין קיין סכעמאַטישקייט, אין קיין מעכאַניסטישער סאָציאָלאָגיזאַציע. דער אויטאָר קאָן אונטערשיידן צווישן דער נאָענטסטער סיבה, צווישן דעם מאָטיוו, אַזוי צו זאָגן, און דער ווייטגייענדיגער באַשליסנדיגער סיבה. אָט ברענגט ער אַרויס, אַשטייגער, אייניגע זייער וויכטיגע מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנישער אידישער ליטעראַטור; דאָס זיינען די דריי גרויסע אימיגראַציע־כוואַליעס: 1) סוף 19טן יאָרהונדערט, 2) נאָכ׳ן יאָר 1905 און 3) נאָך דער וועלט־מלחמה. ער ווייזט, ווי אַזוי די דאָזיגע אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור סיי אין הינזיכט פון דער לייענער־מאַסע, סיי אין הינזיכט פון די שרייבער־קאַדרען. ער פאַרוואַנדלט אָבער ניט די אימיגראַציע־כוואַליעס אין אַ מין זעלבסטשטענדיגן פאַקטאָר, ער פאַרקניפּט עס מיט דער קאָנקרעטער סאָציאַל־פּאָליטישער לאַגע אין אַמעריקע אויף די פאַרשיידענע עטאַפּן, ווי אויך מיט דער לאַגע אין די אויסוואַנדערונג־ערטער.

שילדערנדיג דעם וועג צום „פּראָלעטפּען‟, גיט חבר פּאָמעראַנץ איינציטיג אַ קאַפּיטל געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די אידישע אַרבעטער און פון דער אידישער קאָמוניסטישער פּרעסע אין אַמעריקע. „די פריהייט‟ (שפּעטער די „מאָרגן־פריהייט‟) איז דער פאָטער פונ׳ם „פּראָלעטפּען‟. אויב ביי דער „פריהייט‟ און ביי אירע רעדאַקטאָרן זיינען געווען די אָדער יענע פעלערן (סיי פּראַקטישע, סיי טעאָרעטישע) אין דער אָנפירונג מיט די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער־קאַדרען, זיינען דאָס געווען קראַנקהייטן פון וואוקס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג בכלל. אויב ביי די יונגע פּראָלעטאַרישע קאַדרען גופא איז געווען אַ ריי פעלערן, זיינען דאָס אין אַ גרויסער מאָס אויך פעלערן פון וואוקס, פון אָנהויבן אויסטיילן זיך און אָפּטיילן זיך פון דער אַרומיגער קליינבירגערלעכער סביבה. דאָס איז אַלץ פאַרבונדן מיט׳ן קאָנקרעטן קלאַסנקאַמף אין לאַנד. דאָס ווערט אויסגעלעבט מיט׳ן וואוקס פונ׳ם קאָמוניסטישן באַוואוסטזיין, מיט דער באָלשעוויזירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. חבר פּאָמעראַנץ באַווייזט עס גאַנץ בולט אינ׳ם קאַפּיטל „אויפ׳ן וועג צום פּראָלעטפּען‟ און אין די קאַפּיטלעך וועגן „יוניאָן סקווער‟, „פּראָלעטפּען‟ און „סיגנאַל‟.

זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט גיט אָפּ דער חבר פּאָמעראַנץ דער „לייוויקיאַדע‟. חבר פּאָמעראַנצ׳ס גרעסטער פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער באַווייזט מיט אָן אַ שיעור פאַקטן, אַז די לייוויק־קאָמפּאַניע

ІНСТИТУТ
ЄВРЕЙСЬКОЇ ПРОЛЕТАРСЬКОЇ
КУЛЬТУРИ
Вул. Лібкнехта, 10
тел. 40—02.

אינסטיטוט
פאר
יידישער פראָלעט. קולטור
ליבקנעכט גאס, 10
טעל. 40-02.

קאָרעספּאָנדענץ פאר דעם אינ-טוט
אין די גרענעצן פון ס. ס. ר. ר.
קאָן מען שיקן אומזיסט, אָנגעבנ-
דיק דערביי פאָלגנדיקן אויפשריפט:

Кореспонденцію в межах СРСР Інститутові надсилати безплатно, додаючи такий напис:

На підставі декрету РНК СРСР з 26/XII 1922 р., декрету РНК УСРР з 9/III 1923 р. та обіжника НКП та Т з 20/II 1923 р. під № 32/212 надсилається БЕЗПЛАТНО.

№ 811/22

СПРАВКА

Дана тов. ПОМЕРАНЦУ Самуил Абрамовичу в том, что он состоял аспирантом ин-та Евр. Пролет. Культуры Украинской Академии Наук с января 1933 г. по июль 1935

В 1935 г. 1-го Июля тов. ПОМЕРАНЦ закончил аспирантуру, защитил свою диссертацию и представлен на звание Кандидата Наук.

Диссертация тов. Померанца издана отдельной книгой в Издании Украинской Академии Наук.

тов. ПОМЕРАНЦ за время своей аспирантуры проявил себя ударником учебы; добросовестно и аккуратно выполнял все учебные, научные и общественные задания.

Київ. Міськліт 06932. Друк. ВУАН. Зам. 119 — 50 × 100.

По окончании премирован Президиумом Украинской Академии Наук суммою в 1000 руб.

ДИРЕКТОР /Горохов/.

СЕКРЕТАРЬ /Верлинская/

דער רוסישער דאָקומענט לייענט זיך אויף אידיש:

פעסטשטעלונג

דאָס ווערט געגעבן דעם חבר פאָמעראַנץ, ס. א., אַלס באַשטעטיגונג, אַז ער איז געווען אַן אַספּיראַנט פון דעם אינסטיטוט פאַר אידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון יאַנואַר 1933 ביז יולי 1935.

דעם ערשטן יולי, 1935, האָט חבר פאָמעראַנץ פאַרענדיגט די אַספּיראַנטור, פאַרטיידיגט זיין דיסערטאַציע און צוגעשטעלט פאַר דעם טיטל וויסנשאַפט־קאַנדידאַט.

די דיסערטאַציע פון חבר פאָמעראַנץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין א באַזונדער בוך פון דעם פאַרלאַג פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

חבר פאָמעראַנץ האָט אין משך פון זיין אַספּיראַנטור זיך אַרויסגעוויזן אַלס שלאַנלער פון לערנען; האָט געוויסנהאַפט און פּינקטלעך אויסגעפילט אַלע לערן, וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן. ביים ענדיגן איז ער פּרעמירט געוואָרן פון דעם פּרעזידיום פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע מיט דער סומע פון 1,000 רובל.

ג. גאַראָכאָוו, דירעקטאָר.

ווערלינסקאַיאַ, סעקרעטאַר.

(דער שטעמפּל פון אינסטיטוט איז צוליב טעכנישע ואורזאַכן ניט אַרויסגעקומען אויף דער פאָטאָגראַפיע. באַמערקט אגב נאָך א „קליינינקייט", די אידישע אויפשריפט: „קאָרעספּאָנדענץ פאַר דעם אינסטיטוט... קאָן מען שיקן אומזיסט"... אין וועלכן אַנדער לאַנד קאָן א אידישער אינסטיטוט שיקן זיין קאָרעספּאָנדענץ אומזיסט?).

האָט, אייגנטלעך, זיך געריסן פון דע ר„פרייהייט" אַ סך פריער, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די וואַקכאַנאַליע, אַז די וואַקכאַנאַליע איז פאַר זיי געווען ניט מער טאַקע, ווי אַ געלעגנהייט. דער חבר פּאָמעראַנץ באַווייזט גאַנץ ריכטיג, אַז נאָר אין אַן אומדערמידלעכן קאַמף מיט דער „לייוויקיאַדע" געגן אַלע אירע פּאָליטישע און קינסטלערישע לאָזונגען האָט זיך געקאַנט אויס־פאָרמירן אַ געזונטער אַטריאַד פון אידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. צומאָל טיילט מען אָפּ לייוויק׳ן דעם קינסטלער פון לייוויק׳ן דעם נאַציאָנאַליסט, וואָס פּרואווט זיך איינוויקלען אין לינקע פראַזעס. דער חבר פּאָמעראַנץ דערווייזט גלענצנדיג, ווי אַזוי לייוויק דער קינסטלער פאַלט צונויף מיט לייוויק׳ן דעם פּובליציסט און ליטעראַטור־פירער. דער אַנאַליז פון דער קינסטלערישער פּראָדוקציע פון לייוויק׳ס „וואָך" און פון זיין „אידיש" גיט זייער אַ סך ביז גאָר אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל וועגן דעם פוילונג־פּראָצעס אין דער בורזשואזער ליטעראַטור. דאָס קאַפּיטל „לייוויקיאַדע" איז זיך צעוואַקסן אויפ׳ן חשבון פון ווייזן דעם קינסטלערישן פּרצוף פון די „וואָך"־פאַרשוינען, דאָס איז אָבער געווען ביז גאָר נויטיג, עס איז ביז גאָר באַלערעוודיג און ווערטפול.

און דאָ קומען מיר צו איינעם פון די וויכטיגסטע חסרונות פונ׳ם בוך. עס איז טאַקע אַן אַרבעט וועגן דער ליטעראַטור־באַוועגונג. דער אויטאָר קאָן זיך דערביי שטעלן שמעלערע צילן. נאָר אויב ער האָט געפונען פּלאַץ און מעגלעכקייטן צו באַלויכטן די קינסטלערישע פּראָדוקציע פון די „וואָך"־שרייבער, האָט ער אודאי געדאַרפט געפינען פּלאַץ צו באַטראַכטן די קינסטלערישע פּראָדוקציע פון די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער־קאַדרען. אונז באַפרידיגט זייער ווייניג די דערמאָנונג, אַז אין דער זאַמלונג „יוניאָן סקווער" איז געווען געדרוקט אַזוי פיל און אַזוי פיל דערציילונגען, לידער, אַרטיקלען. און וואו איז חבר פּאָמעראַנצ׳ס מיינונג וועגן דער קינסטלערישער פּראָדוקציע פון „יוניאָן סקווער"? צי פאַלט צונויף די דאָזיגע פּראָדוקציע מיט די פּרינציפּיעלע דעקלאַראַציעס? צי איז דאָרט ניט פאַראַן וואָס צו קריטיקירן? די פראַגעס בלייבן ניט פאַר־ענטפערט, און דער חבר פּאָמעראַנץ בלייבט אונז אַ בעל־חוב. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט אין זיין ווייטערדיגער אַרבעט פולשטענדיג דעקן דעם דאָזיגן חוב, ווי אַלע אַנדערע חובות.

פעלערדיג איז אויך דאָס, וואָס חבר פּאָמעראַנץ דיסקאָנטירט ניט גענוג די פּראָצעסן פון דיפערענציאַציע אין די רייען פון דער קינסטלערישער אינטעליגענץ, וואָס קומען לעצטנס פאָר אין אַמעריקע. די שאַפונג און די אידייאיש־פּאָליטישע שטימונגען פון אַזעלכע שרייבער, ווי ל. שאַפּיראָ, אָפּאַטאָשו, פּרץ הירשביין און פון אַ ריי אַנדערע האָבן געדאַרפט געפינען אַן אָרט אינ׳ם בוך. דער חבר פּאָמעראַנץ איז דאָ פּאָרט אַ ביסל „פּראָ־לעטפּעניש" באַגרעניצט.

מיר רעכענען אויך פאַר אַ פעלער, וואָס, אויסער אַ פּאָר דערמאָנונגען, איז כמעט ווי ניט געגעבן דעם צושטאַנד פון דער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור אינגאַנצן געגומען און די ווירקונג פון דער דאָזיגער ליטעראַטור אויף דער אידיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. מיר מיינען, אַז דאָס איז ניט בלויז קיין פּראָבלעם פון אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ טיף־שעפערישע פּראָב־לעם. אַזוי אָדער אַנדערש, האָט זי געדאַרפט געשטעלט ווערן.

עס איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז חבר פּאָמעראַנץ בלייבט אונז נאָך פיל שולדיג, אונז און דער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אָבער דאָס, וואָס ער האָט שוין געגעבן, איז אַ ביז גאָר וויכטיגער בייטראַג אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג און אין דער קריטיק. דאָס בוך „פּראָלעטפּען" וועט מיט אינטערעס און מיט נוצן פאַר זיך איבערלייענען יעדער פּראָלע־טאַרישער לייענער און קולטור־טוער. דאָס בוך איז אַ געווער אין אונזערע הענט אינ'ם קאַמף פאַר עכטער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

שלום־וואָרט פונ'ם חבר פּאָמעראַנץ

אין אַלגעמיין דאַרף איך זיין צופרידן מיט די דעבאַטן. איך בין פון זיי אַרויס מיט גאַנצע ביינער. קיין צו גרויסע זינד האָט מען ניט געפונען אין דער דיסערטאַציע. קיין סך זיך צו פאַרטיידיגן האָב איך ניט. אין גרונט האָבן סיי דער רעצענזענט, סיי די אָפּאָנענטן געגעבן אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון מיין אַרבעט און זי אפילו אַ סך געלויבט.

און איך וויל נאָך קאָנסטאַטירן מיט צופרידנקייט, אַז פאַר די עטלעכע וואָכן, זינט די דיסערטאַציע איז דערשינען אין בוך־פאָרם, איז זי שוין צונוצגעקומען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מאַטעריאַלן פונ'ם בוך זיינען אויסגענוצט געוואָרן פון אירמע דרוקער'ן פאַר זיין אַרטיקל אין דער צייטונג „שטערן" וועגן לייוויק'ן און וועגן דער „וואָך". אונזער אַספּיראַנט חבר שאַץ האָט פונ'ם בוך באַקומען „ספּראַוועקעס" וועגן די אַמעריקאַנישע שרייבער ל. מילער און דאַווידזאָן, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר אַ כרעסטאָמאַטיע. דער „עמעס", ווי אַלע אַנדערע סאָוועטישע צייטונגען, האָבן איבערגעדרוקט פונ'ם בוך די ביאָ־גראַפיע פון יאָסל קאָטלער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ידיעה וועגן זיין טראַגישן טויט. דאָס בוך האָט שוין געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס צו דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין אויסלאַנד בכלל און אין אַמעריקע בפרט.

צווישן די פעלערן, וואָס די חברים האָבן דאָ אָנגעוויזן, זיינען פאַראַן אַזעלכע, מיט וועלכע איך קאָן איינשטימען אינגאַנצן אָדער טיילווייז. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזוינע אָנווייזונגען, וואָס איך קאָן זיי אינ־גאַנצן ניט אָננעמען.

קאָנקרעט:

דער חבר מרמר האָט געפּרואווט פאַרגלעטן די פעלערן פון דער

„פרייהייט” אין הינזיכט פון ארויסרוקן יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער־קאַדרען. דאָס איז געווען נישט נויטיג, ווייל, ווי איך האָב עס דאָקומענטירט אין מיין אַרבעט, האָבן די חברים אָלגין און שכנא עפּשטיין עס שפּעטער ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַליין אָנערקענט.

„די פרייהייט” איז מיט רעכט קריטיקירט געוואָרן אויף דער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די רעוואָלוציאָנערע שרייבער און קינסטלער אין כאַרקאָוו אין יאָר 1930 פאַר איר איבערשאַצן די מיטלויפער און ניט ארויסרוקן קיין פּראָלעטאַרישע שרייבער־קאַדרען. דער קאָנקורס אויף שאַפּ־בילדער פון יאָר 1923, וואָס חבר מרמר האָט דערמאָנט, איז ניט קיין אָפּלייקענונג דערפון . דער קאָנקורס איז געגאַנגען לויט דער ליניע פון „אָפּשפּיגלען א ווינקל, אויף וואָס די פּאַטענטירטע שרייבער־קאַדרען, אין וואָס מען האָט נאָך ד ע מ אָ ל ט זייער וויניג געלויבט אין דער „פרייהייט”.

איך האָב יאָ געגעבן אַן אידייאיש־קינסטלערישע כאַראַקטעריסטיק פון דער „יונג־קוזניע”, באַזונדערס, ווען איך האָב גערעדט וועגן דעם זשורנאַל „יוגנט”. דאָרטן האָב איך געגעבן אַ געמיינזאַמע כאַראַקטעריסטיק פון ביידע זשורנאַלן.

די טענה, אַז איך האָב צופיל פּלאַץ אָפּגעגעבן דער „וואָך”, האַלט איך פאַר ניט קיין ריכטיגע. איך האַלט עס גאָרנישט פאַר קיין פעלער. איך האָב עס געטאָן גאַנץ באַוואוסטזיניג. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַזוי ברייט אויף דער לייוויקיאַדע און אויף דער „וואָך”, ווייל נאָך ביז איצט איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דער ענין ניט געווען גענוג אויסגעקלאָרט.

דאָס איז אויך אַן ענטפער דעם רעצענזענט פון דער קיעווער „פּראָ־לעטאַרישער פאָן”, וועלכער האָט געשריבן, אַז „אויף צו דערווייזן דעם רעאַקציאָנערן זינען פון דער „לייוויקיאַדע” איז ניט נויטיג געווען אַזוי פיל אָפּקלייבן מוסטערן”. איך רעכן, אַז עס איז יאָ געווען נויטיג. זייער פיל האָבן נאָך ביז איצט ניט באַנומען ווי געהעריג דעם רעאַקציאָנערן זינען פון דער „לייוויקיאַדע”.

דאָ און דאָרטן וואָלט איך געווים געקאָנט ארויסלאָזן ציטאַטעס אָן שאָדן פאַר דער זאַך און מער קאָנדענסירן דעם מאַטעריאַל פון אַ ריי קאַפּיטלען. דער אמת איז, אַז ווען איך זאָל שרייבן איצט די אַרבעט, וואָלט זי, מסתמא, ארויסגעקומען בעסער אין אַ סך הינזיכטן.

חבר קורלאַנד האַלט,אַז איך האָב ניט קריטיקירט די לינקאַטשישע און פּראָלעטקולטישע אָפּנויגן פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער. אין דער אמת'ן האָב איך יאָ קריטיקירט, ווי צ. ב. אין מיין קאָמענטאַר צו דער דיסקוסיע פון „יוניאָן סקווער” מיט אָלגינ'ען. איך האָב דאָרטן קריטיקירט די לינקאַטשישע שטעלונג צו אַ מיטלויפער, אמת, אָן גענוגנפּיסלעך. די פראַגע קאָן שטיין בלויז וועגן דעם, צי האָב איך גענוג קריטיקירט. איך וויל דאָ זאָגן, אַז חבר קורלאַנד האָט אַ ביסל איבערגעטריבן די לינקאַטשיש־קייט און פּראָלעטקולטישקייט פון די אַמעריקאַנישע אידישע פּראָלעטאַרישע

שרייבער. ער האָט ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּעריאָד פון „יונג־קוזניע", און צו יענעם פּעריאָד דאַרפן מיר צוגיין מיט אַן אַנדער מאַסשטאַב. אין דער צייט, ווען אין דער אידישער ליטעראַטור האָבן פאַרגעבן דעם טאָן די נאַציאָנאַליסטישע, אידישיסטישע און סימבאָליסטיש־מיסטיש־עסטעטישע שרייבער, ווען די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור האָט געמאַכט די ערשטע שריט, איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז די ערשטע יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער זאָלן זיך באַמיען מיט אַלע כחות אָפּצוגרעניצן זיך פון דער בורזשואַזער, עסטעטישער ליטעראַטור. געווים האָט מען דאָ אָפּט איבערגעבויגן דעם שטעקן. דעמאָלט אָבער איז געווען ווייניגער געפערלעך איבערצושאַצן די פּראָלעטאַרישע שרייבער, איידער זיי ניט צו דערשאַצן.

די פּראָזע אין׳ם לייט־אַרטיקל פון׳ם ערשטן נומער „יונג־קוזניע", אַז „אונזערע שאַפונגען וועלן זיין אַ סך מער ווי ליטעראַטור—זיי וועלן זיין דאָקומענטן פון לעבן און קאַמף פון די אידישע אַרבעטער אין אַמע־ריקע", איז ניט אַזוי אַן אויסדרוק פון פּראָלעטקולטישקייט, ווי זי האָט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז די שאַפונגען וועלן זיין מער ווי פאָרמעלע דערגרייכונגען, אַז דער עיקר איז אידעאָלאָגישע אינהאַלטלעכקייט. די „יונג־קוזניע" האָט דערמיט געוואָלט אָפּגרעניצן זיך פון׳ם קונסט־־צוליב־קונסט־עסטעטיזם פון די „פרייהייט"־מיטלויפער.

אַזוי האָב איך עס דערקלערט אין׳ם בוך. איך האָב עס קעגנגע־שטעלט צו דעם דעמאָלטיגן עטאַפּ פון מ. נאַדיר׳ס „דעלוזיעס"־פּאָעזיע אין דער „פרייהייט". און ס׳איז דאָך ניט קיין צופאַל, וואָס מיר טרעפן די זעלביגע דערשיינונג, וואָס אין „יונג־קוזניע", אויך ביים אויפקום פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אין גאָר דער וועלט.

דאָס זעלביגע איז שייך חבר קורלאַנד׳ס צווייטע טענה וועגן דעם אונטערשטרייכן, אַז אַלע שרייבער פון „יונג־קוזניע" זיינען אַרבעטער פון פאַבריקן. איך גלויב, אַז דערמיט האָבן מיר דעמאָלט געמעגט שטאָלצירן. און דאָס איז ווידער געווען אַן אויסדרוק פון דער שטרעבונג אָפּצוגרעניצן זיך פון די קונסט־צוליב־קונסט־עסטעטן און ס׳איז געווען אין גרונט אַ געזונטע דערשיינונג. דאָס האָט ניט געשטאַמט פון קיין פּראָלעטקולטיזם, הגם זיי האָבן דערמאָנט דאָס וואָרט „לאַבאָראַטאָריע" (אָבער ניט אין פּראָ־לעטקולטישן זינען). אין דעם ענטפער אויף דער פראַגע גראַד פון אַ בורזשואַזן קריטיקער: פאַרוואָס עפּעס „אַרבעטער־שרייבער", ווערט אין דעם לייט־אַרטיקל פון׳ם צווייטן נומער „יונג־קוזניע" געזאָגט קלאָר און דייטלעך:

„...ס׳איז ניט קיין מוז, אַז ער זאָל זיין אַ פיזישער אַרבעטער, נאָר מיר פאָדערן בלויז, ער זאָל האָבן אַ פּראָלעטאַרישן צוגאַנג צו דער וועלט" (ז. 36).

וועגן די טראַדיציעס פון די ערשטע אַמעריקאַנישע אידישע רעוואָלוציאָנערער דיכטער פון די 80־90ער יאָרן האָט געזאָלט זיין אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, אָבער איבער מאַנגל אין אָרט איז עס ארויסגענומען געוואָרן. בלויז אין איניגע ערטער, ווען איך האָב גערעדט וועגן פרידמאַנ׳ען, פּלאַטנער׳ן, האָב איך אויך אָנגעוויזן אויף דעם איינפלוס פון די טראַדיציעס פון יענע שרייבער.

איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן געניי אויף דער עצם שעפערישער פּראָדוקציע, ווי דאָס האָט געפאָדערט חבר קורלאַנד, אָדער אויף דער „ספּעציפיק״, ווי דאָס האָט אָנגערופן דער חבר האָלדעס, איבער אַ ריי סיבות. ערשטנס, איז די איינשטעלונג געווען, אַז מיין אַרבעט דאַרף באַרירן אין גרונט בלויז די ליטעראַטור־באַוועגונג און זיך ניט פאַרנעמען מיט קאָנקרעטער ליטעראַטור־קריטיק. איך האָב געדאַרפט געבן די „ספּעציפיק״ נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ס׳איז געווען נויטיג צו באַלייכטן די פּראַגן, וואָס ווערן באַרירט אינ׳ם בוך. אַ חוץ דעם, וואָלט מיר אויך טעכניש געווען אוממעגלעך דורכצופירן אַזאַ אַרבעט, ווייל אפילו אין דער ביבליאָטעק פונ׳ם אינסטיטוט איז פאַראַן זייער ווייניג פון די צענדליגער ביכער פון די פּראָלעטפּענאָווצעס. אויך וואָלט זיך דאָס בוך איבער דעם צופיל צעוואקסן.

ס׳איז ניט ריכטיג, אַז אין בוך פעלט א י נ ג א נ צ ן די „ספּעציפיק״, אַז עס איז ניטאָ קיין אָפּשאַצונג פון דער עצם שעפערישער פּראָדוקציע. די קורצע אָפּשאַצונגען, וואָס איך גיב צו יעדערן פון די 77 פּראָלעטפּענאָווצעס נאָך די ביאָגראַפיעס, זיינען דאָך אויך ספּעציפיק. וועגן איניגע — אשטייגער, נאַדיר, ראַבאָי, כאַווער־פּאַוער, פּלאַטנער, קורץ א. אַז. וו. — גיב איך גאַנץ אויספירלעכע אָפּשאַצונגען פון זייער שעפערישער פּראָדוקציע. עס זיינען אויך פאַראַן אָפּשאַצונגען פון די זשורנאַלן „יונג־קוזניע״ און „יוגנט״. וועגן „יוניאָן־סקווער״ האָב איך געשריבן, אַז אָלגינ׳ס ברייטע אָפּשאַצונג פונ׳ם זאַמלבוך איז איבערגעדרוקט אינ׳ם בוך „אין שאָטן פון תליות״, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דערשינען אין כאַרקאָוו, דערפאַר האָב איך זיך אויף דעם מער ניט אָפּגעשטעלט. איך האָב געהאַלטן, אַז בעסער פון אָלגינ׳ען וועל איך דאָס ניט מאַכן. די קאַפּיטלען וועגן די שעפערישע דיסקוסיעס, וואָס איך ברענג אינ׳ם בוך, באַהאַנדלען דאָך אויך כמעט אויסשליסלעך פראַגן פון דער ליטעראַרישער ספּעציפיק. ווידער האָב איך אָנגעוויזן אויספירלעך אין אַ סך ערטער פונ׳ם בוך אויף די קאָנקרעטע מעטאָדאָלאָגישע פעלערן און בורזשואַזע איינפלוסן און טראַדיציעס אין דער שעפערישער פּראָדוקציע פון די פּראָלעטפּענאָווצעס. אין דער „לייוויקיאַדע״ האָב איך אויך געגעבן אַ סך ספּעציפיק. איך קאָן צוגעבן, אַז עס איז וויכטיג געווען צו געבן נ אָ ך מ ע ר קאָנקרעטע קריטיק פון דער שעפערישער פּראָדוקציע פון די פּראָלעטפּענאָווצעס. דאָס וועט שוין מוזן זיין די טעמע פון מיין קומענדיגער אַרבעט.

РНК – УСРР | СНК – УССР

КРАЇНСЬКА КАДЕМІЯ НАУК | УКРАИНСКАЯ АКАДЕМИЯ НАУК

ІВ, ВУЛ. КОРОЛЕНКА, 54 | КИЕВ, УЛ. КОРОЛЕНКА, 54

Київ, 10/УП- 1935 *р.*

02/30.

Телеф. комутатор УАН.

П О С В І Д Ч Е Н Н Я.

Українська Академія Наук цим свідчить, що як видно з протоколу наслідків захисту аспірантом Ін-ту еврейської Пролетарської культури УАН т. ПОМЕРАНЦЕМ, С.А. дисертації на тему "Етюди до історії еврейської пролетарської культури в США" за постановою кваліфікаційної комісії УАН йому присуджено вчену степень кандидата наук еврейської літератури, яку постанову подано інститутом І[illegible]ого липня № 829 на затвердження до Президії УАН.

ВІЦЕ-ПРЕЗИДЕНТ УАН
академік /СВІТАЛЬСЬКИЙ/

Зав. Секретаріату
Президії УАН /ПОЗДНЯКОВ/

03799. Друк. УАН. Зам. 401–2000.

חבר קורלאַנד'ס טענה, פאַרוואָס איך האָב אין דער ביבליאָגראַפיע אַנגעוויזן וויפיל לידער עס גייט אַריין פון יעדן פּראָלעטאַרישן דיכטער אין זיין (דעם חבר קורלאַנד'ס) ניט געלונגענער, ווי ער אַליין זאָגט, אַנטאָלאָגיע פון דער היינטצייטיגער אידישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג אין אַמעריקע, פאַרשטיי איך פשוט ניט. איך האָב עס זיכער ניט געטאָן צוליב רעקלאַמירן חבר קורלאַנד'ס „אַנטאָלאָגיע". איך האָב זיך גערעכנט דערמיט, וואָס די ווערק פון די פּראָלעטפּענישע דיכטער קאָן מען דאָ ניט קריגן, וואָס מען קען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זייער ווייניג אונזערע דיכטער. און דערפאַר האָב איך געוואָלט געבן אַ געלעגנהייט יעדן לייענער זיך צו באַקענען כאָטש מיט אייניגע „ניט־געלונגענע" מוסטערן פון די שאַפונגען פון די פּראָלעטפּענישע דיכטער.

חבר האָלדעס איז גערעכט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן מען נאָך שלעכט די פּראָלעטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע שרייבער, און אַז מען דאַרף אָט דעם בלויז וואָס גיכער ליקווידירן.

אויף חבר האָלדעס'עס טענה, פאַרוואָס איך האָב ניט גענוג געגעבן דעם „פּראָלעטפּען" אין פאַרבינדונג מיט דער אַרומיגער ענגלישער ליטעראַטור, וויל איך ענטפערן אָט וואָס. ערשטנס, באַהאַנדלט מיין אַרבעט די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור־באַוועגונג ביז'ן יאָר 1932. וועגן אַ ממשות'דיגער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור־באַוועגונג אויף דער ענגלישער שפּראַך קאָן גערעדט ווערן ערשט פאַר די לעצטע דריי יאָר. ביז'ן יאָר 1932 קאָן מען ווייניג אָנווייזן בולט'ע דירעקטע איינפלוסן פון דער ענגלישער ליטעראַטור אויף די אידישע פּראָלעטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע שרייבער. אין יענער צייט איז די שטאַרקסטע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור־

די פאָטאָגראַפיע פון דער דיפּלאָמע אין דער אוקראַינישער שפּראַך לייענט זיך אויף מאַמע־לשון אַזוי צו זאָגן:

באַשטעטיגונג

די אוקראַינישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע באַשטעטיגט דערמיט, אַז ווי עס ווייזט דער פּראָטאָקאָל פון דער דיסערטאַציע־פאַרטיידיגונג פון דעם אַספּיראַנט פון אינסטיטוט פאַר אידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע חבר ס. א. פאַמעראַנץ אויף דער טעמע „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער אידישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין די פאַראייניגטע שטאַטן" איז דורכ'ן באַשלוס פון דער קוואַליפיצירקאָמיסיע פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אים צוגעטיילט געוואָרן דער אַקאַדעמישער טיטל וויסנשאַפט־קאַנדידאַט פון דער אידישער ליטעראַטור. דעם באַשלוס האָט דער אינסטיטוט אַריינגעגעבן דעם ערשטן יולי אונטער'ן נומער 829 פאַר באַגיטיגונג צום פּרעזידיום פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

וויצע־פּרעזידענט פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־
אַקאַדעמיע
נ. סוויטאַלסקי, אַקאַדעמיקער.
פאַרוואַלטער מיט'ן סעקרעטאַריאַט פון פּרעזידיום פון
דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע
פּאָזדניאַקאָוו.

קיעוו, 10טער יולי, 1935.

גרופּע אין אַמעריקע געווען די אידישע. דאָס איז אַ פאַקט. אוממיטלבאַר זיינען די איינפלוסן אויף די „פּראָלעטפּענאָוועצעס" געגאַנגען דער עיקר פון דער אידישער בורזשואַזער ליטעראַטור אין אַמעריקע (וועלכע איז אַליין פאַר זיך זיכער געוואָרן באַאיינפלוסט פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזער ליטעראַטור) און פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אָבער געוויס קאָן קיין צוויי מיינונגען ניט זיין, אַז אין אַ געוויסער מאָס איז דער „פּראָלעטפּען" (און נאָך פריער די אַנדערע אידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער־גרופּעס) געווען באַאיינפלוסט דירעקט און אומדירעקט אויך פון דער ענגלישער ליטעראַטור, סיי פון דער בורזשואַזער, סיי פון דער ראַדיקאַלער. ווייל אַ קלאַסן־דיפערענציאַציע איז דאָך פּונקט ווי אין דער אידישער (כאָטש ניט אַזוי קענטיג) אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט אויך אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. אויף וויפיל איך האָב נאָר געהאַט מאַטעריאַלן וועגן אָט דעם איינפלוס, האָב איך אין מיין בוך דאָס אָנגעוויזן.

איך האָב אָנגעוויזן, אַז נאָך אין יאָר 1925 האָט מען אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „ספּאַרטאַק" אין דריי שפּראַכן: רוסיש, אידיש, ענגליש, פון אַנטשפּרעכנדיגע רעוואָלוציאָנערע שרייבער־גרופּעס. איך האָב דערמאָנט וועגן דער אַל־אַמעריקאַנישער קולטור־פעדעראַציע, וואָס האָט שפּעטער געפירט צו דער גרינדונג פון דער אַל־אַמעריקאַנישער רעוואָלוציאָנערער שרייבער־פעדעראַציע, צו וועלכער עס האָט זיך אָנגעשלאָסן דער „פּראָלעטפּען".

געוויס איז זייער וויכטיג, מען זאָל אָט די פראַגע גרינטלעכער אויספאָרשן. איך בין זיכער, אַז ביי אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג וועט מען אויסגעפינען אַ סך מער קאָנקרעטן מאַטעריאַל וועגן די איינפלוסן און געגנזייטיגע באַווירקונגען. דאָס איז אַ וויכטיגע אויפגאַבע פאַר די אַמעריקאַנישע ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער.

דערלויבט מיר ביים שליסן מיין רעדע אויסצודריקן אַ דאַנק דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און דעם אינסטיטוט פאַר אידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פאַר געבן מיר, אַן אַמעריקאַנישן בירגער, אַ מעגלעכקייט דורכצומאַכן די אַספּיראַנטור. איך האָף, אַז די אינטערנאַציאָנאַליסטישע טראַדיציע וועט אויך אויף ווייטער פאַרגעזעצט ווערן. איך דאַנק אויך די אַקאַדעמיע און דעם אינסטיטוט פאַר אַרויסגעבן מיין דיסערטאַציע אין אַ בוך־פאָרם (248 זייטן, קיעוו, 1935).

איך דאַנק אויך די קוואַליפיציר־קאָמיסיע, די אָפּאָנענטן און אַלע, וואָס זיינען צום אָוונט געקומען.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויך אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק צו מיינע לערער און צום גאַנצן קאָלעקטיוו פון'ם אינסטיטוט, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר אַ סך וואַרימקייט און אויפמערקזאַמקייט.

איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז איך וועל אָנשטרענגען אַלע מיינע כחות צו פאַרדינען דעם גרויסן כבוד, וואָס איר האָט מיר היינט צוגעטיילט, מיט

אומדערמידלעכער אַרבעט אינ'ם דערהויבענעם און שווערן קאַמף פאַר אונזער געמיינזאַמען ציל.

באַשלום

פון דער קוואַליפיציר־קאָמיסיע, אויסגעטיילט פונ'ם פּרעזידיום פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע:

דער חבר פּאָמעראַנץ האָט אין זיין דיסערטאַציע „פּראָלעטפען" באַוויזן, אַז ער באַהערשט דעם מאַרקס־לענינשן מעטאָד אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג, אַז ער האָט זעלבסטשטענדיג באַהערשט דעם גרויסן פאַקטישן מאַטעריאַל פון זיין טעמע, געגעבן זיין אַרבעט אין אַ גוטער ליטעראַרישער שפּראַך און לעבעדיגער פאָרם.

די קוואַליפיציר־קאָמיסיע אַנערקענט, אַז דער חבר פּאָמעראַנץ פאַרדינט דעם טיטל וויסנשאַפט־קאַנדידאַט פון אידישער ליטעראַטור, און וועט זיך משתדל זיין פאַר'ן פּרעזידיום פון דער אַקאַדעמיע ער זאָל באַשטעטיגן דעם דאָזיגן באַשלום.

די רעזאָלוציע ווערט אויפגענומען מיט הילכיגע אַפּלאָדיסמענטן.

פאַרקלענערט בילד פון פאָדער־בלאַט

דער חשבון פון בלוט און פיין — און א רוף צו אייניגקייט

„דער חשבון פון בלוט און פיין" איז דער קאָפּ איבער'ן לייט־ארטיקל פון דעם נייעסטן נומער פון דער ציימונג „אייניקייט", אָרגאַן פון דעם אידישן אנטי־פאשיסטישן קאָמיטעט אין סאָוועטן־פארבאנד, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז אין אַמעריקע.

דער נומער 21 פון דער „אייניגקייט" איז דאטירט זונטאָג, 27טער דעצעמבער, 1942. דער קאָפּ פון דעם לייט־ארטיקל פּאסט אָבער פאר יעדן נומער פון דער צייטונג, פאר יעדן טאָג. ווייל יעדן טאָג פירן די אידן פון סאָוועטן־פארבאנד דעם חשבון פון בלוט און פיין... ווייל „אויף די בלוטיגע פעלדער פונם ליידנדיגן רוסלאנד ווערן דורך אונזערע העלדישע סאָל־

שכנא עפּשטיין

דאטן יעדן טאָג גע׳משפּט און באַשטראָפט טויזנטער הענקער", דערקלערט איליא ערנבורג אין זיין אַרטיקל אין דעם נומער. און די סאָוועטישע אידן רופן „די אידן פון גאַר דער וועלט דערנענטערן דעם טאָג פון נצחון, ווען זיי וועלן צוזאַמען מיטאַלע אַנדערע פעלקער צושטעלן זייער גרויסן חשבון פון בלוט און פּיין צום וועלט־משפּט איבער די היטלערישע תליונים".

זיי קאָנען דאָס טאָן — זאָגט דער לייט־אַרטיקל — „בלויז דורך אויס־פילן מיט ערע אָט די פאָדערונג און פאַרפליכטונג" „צו העלפן מיט אַלע כחות דער רויטער אַרמיי, צו געבן וואָס מער מוטיגע שלאַכט־לייט פאַר די אַרמייען פון די פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער". און פאַר דעם איז אומבאַ־דינגט נויטיג די גרעסטע איינינקייט צווישן די אידן פון אַמעריקע אַליין און צווישן די אידן פון אַמעריקע מיט די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי עס איז אומבאַדינגט נויטיג וואָס מער פריינטשאַפט צווישן דער רעגירונג פון אַמעריקע מיט דער רעגירונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער לייט־אַרטיקל באַציט זיך אויף דער דערקלערונג פון דעם סאָוועַ־טיש־אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין פאַרבינדונג מיט דער גע־מיינזאַמער דעקלאַראַציע, דעם 18טן דעצעמבער, 1942, פון די רעגירונגען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע פאַרבינדעטע לענדער, ווי אויך מיט׳ן אויספירלעכן מעמאָראַנדום פון דער סאָוועטישער אינפאָר־מאַציע־ביוראָ וועגן דער אויסראָטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דער נאַצי־קאָנטראָלירטער אייראָפּע. דער מעמאָראַנדום אַליין פאַרנעמט כמעט די גאַנצע צווייטע זייט פון די פיר זייטן פון דעם נומער „איינינקייט". אויסער דעם געפינען זיך נאָך דאָרטן צוויי פאָטאָגראַפיעס, פון וועלכע דאָס בלוט קאָן אָנהויבן גליווערן, וואָס מאַכן אָנשוילעך דעם מעמאָראַנדום.

בילדער וואָס לאָזן ניט רוען

איינע איז פון לאָדזשער אידן, וועמען די היטלער־מערדער האָבן אויפ־געהאַנגען אויף אַ באַוועגלעכער מעכאַניזירט׳ער תליה. די בעסטיעס האָבן זיך אַפילו צוגעגרייט מיט פאַרטיגע תליות. די צווייטע איז פון מוטערס מיט קליינע קינדער, צווישן די 7,000 פרויען, קליינע קינדער און אַלטע לייט, וואָס די היטלערישע מענטשן־פרעסער האָבן אויסגעקוילעט אין קערטש.

די דריטע זייט קאָנט איר זען אויף דער איינגעשלאָסענער פאָטאָגראַ־פיע (אויף זייט 86).

די פערטע זייט הויבט זיך אָן רעכטס מיט דער אָפּטיילונג „איבער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד" אויף צוויי פון די 5 רובריקן אָדער קאָלומס פון דער צייטונג. איר געפינט דאָרטן נייעס וועגן די גרויסע, מוסטערהאַפטע ביי־טראָגן פון די סאָוועטישע פאַרמער (קאָלווירטניקעס) צו דער רויטער אַרמיי, נייעס וועגן „די באַפרייטע שטעט, וואָס ווערן אויפגעבויט" און נייעס אונ־טער אַ קאָפּ „עס בויט זיך די גרעסטע קאָקס־כעמישע פאַבריק". און דער

הויפּט־אינזשענער פון דער בויאונג איז די אידישע טאָכטער שולמית זילבער־שטיין. ליבקס געפינען מיר ווידער נייעס אויף צוויי קאָלומס אונטערן אל־געמיינעם קאָפּ „די אויסראָטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די לענדער פון אייראָפּע, וועלכע זיינען אָקופּירט דורכן היטלערישן דייטש־לאַנד". דאָרטן זיינען געדרוקט קעיבלס פון ניו יאָרק און לאָנדאָן וועגן דעם ענין.

אין סאַמע מיטלסטן קאָלום געפינען זיך דריי פאָטאָגראַפיעס איינע אונ־טער דער צווייטער אונטער א קאָפּ „אונזערע זין און טעכטער". די אונ־טערשריפט אונטער דער ערשטער פאָטאָגראַפיע לייענט זיך: „אויבערסער־דזשאַנט ל. דאַלגיך. זיינע עלטערן האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט אין מינסק, און ער איז זיך נוקם אין די דייטשישע הענקער". די צווייטע איז פון לעבינגראַדער פּראָפעסאָר י. ט. זאַלקינדסאָן, וואָס האָט נישט לאַנג צו־ריק פאַרענדיגט זיין וויסנשאַפטלעך ווערק „די פיזיאָטעראַפּיע פון צעשע־דיגונגען אין מלחמה־צייט", ער אַרבעט איצט אויף א נייעם בוך. און אונטער דער דריטער פאָטאָגראַפיע שטייט געשריבן „דער אַלטער אַרבעטער מיט א 55־יאָריגן פּראָדוציר־סטאַזש ז. וו. קאַפּוסטין — איז איינער פון די בעסטע אַרבעטער פון א באַרימטן זאַוואָד".

סאַמע אונטן קומט נאָך אויף דריי קאָלום א „פּאַדוואַל" „מענדעלע'ס שטים (צום 25טן יאָרטאָג פון מענדעלע מוכר ספרים'ס טויט)" פון בא־וואוסטן קריטיקער נ. אויסלענדער.

אידישע גבורים

כדי דאָס בילד זאָל זיין פאַרפולט דאַרף איך נאָך צוגעבן וועגן דער ערשטער זייט. נאָכן לייט־אַרטיקל „דער חשבון פון בלוט און פּיין" געפינט זיך נאָך אן עדיטאָריעלע מעלדונג וועגן „באַלוינטע אידן פּאַרטיזאַנער", וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אינם פּאַרטיזאַנישן קאַמף ביים שונא אין הינ־טערלאַנד און „כראָניק". אויף די פאַרבליבענע דריי קאָלום פון דער ערש־טער זייט זיינען אָפּגעדרוקט די באַגריסונגען צום 25טן יובילײ פון דער סאָוועטן־מאַכט אויף אוקראַינע פון דער סאָוועטן־רעגירונג, קאָמוניסטישער פּאַרטיי און העכסטן סאָוועט. נאָכדעם קומען די סאַמע נייעסטע פראָנט־קאָמוניקאַטן אונטער א קאָפּ „אין דער לעצטער שעה".

דאָס איז אין קורצן דער אויסערלעכער אויסזען, די פיזישע ראַם, די פאָרם, אַזוי צו זאָגן, פון „איינינקייט" נומער 21. איר זייט אַנטציקט פון דער שפּראַך־אָפּגעהיטקייט אויך אין די איבערזעצונגען, אין די נייעס־קאָמוניקאַטן, די פּינקטלעכע טערמינאָלאָגיע און גראַמאַטיק, די הויכע שטופע פון קינסטלערישקייט און קולטורעלקייט, וואָס איר געפינט אַפילו אין דער שפּראַך, ווי אין דעם אויסשטעל פון דער צייטונג. נאָר איר הערט אויף זיך צו וואונדערן אָדער באַוואונדערן, ווען איר דערוויסט זיך, אז די צייטונג ווערט געשאַפן פון אַזעלכע דערפאַרענע וועטעראַנען און פען־

די שטים פון די סאָוועטישע אידן

3 — אײניקײט — № 21 — זונטיק, 27 דעקאַבער 1942 י.

דערקלערונג פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין ססר

איציק פעפער — איך בין אַ ייד

איליא ערענבורג — די העכסטע פונעם יידישן פאָלק וועלן געמישפּט און באַשטראָפט ווערן

דוד בערגעלסאָן — „כ'וועל לעבן!"

די פאָטאָגראַפיע ווײַזט אַ זײַט פון דער צײַטונג „אײניקײט", אָרגאַן פון דעם אידישן אַנטי-פאַשיסטישן קאָמיטעט. דער נומער איז פון דעצעמבער 27, 1942.

קינסטלער, ווי שכנא עפשטיין, דער רעדאַקטאָר, און די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע : ד. בערגעלסאָן, י. דאָברושין, ש. האַלקין, ש. מיכאָעלס, ל. סטראָנגין, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, א. קושניראָוו.

א מגילה פון בלוט און פייער

דער חשבון פון בלוט און פיין...

דער גאַנצער אינהאַלט, דער גאַנצער נומער איז פאַרנומען מיט דעם חשבון פון בלוט און פיין. ער איז א „מגילת־האש", א פייער־מגילה, א באַשולדיגונגס־אַקט געגן די פאַשיסטישע מענטשן־פרעסער !

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן און עס וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן די תליות מיט די פאַרפייניגטע אין בערדיטשעוו און ווילנע ; די לאַנגע רייען מיט די לעבעדיג־באַגראָבענע אין שקלאָוו, באָברויסק און קערטש ; די פון קוילנוואָרפערס און אויטאָמאַטן דערשאָסענע זקנים און פרויען אין קיעוו, אָדעס, דניעפּראָפּעטראָווסק און מאַריופּאָל ; די פאַרברענטע אינם בית־מדרש פון ראָטערדאַם, די אויף שייטערהויפנס־אומגעקומענע מוטערס מיט זויג־קינדער אויף די הענט אין מינסק און אומגעגנט ; די געקרייציגטע יונגעלייט אין קאָנסטאַנטינאָווקע און טשערניגאָוו ; די דערטרונקענע אין וויטעבסק און אַנטווערפּן ; די שיכטנווייז איינע אויף די אַנדערע אָנגע־וואַלגערטע הרוגים אינם נייעם שטאָט־גאַראַזש אין קאָוונע ; דאָס געוויין און די טרערן פון די קליינע קינדער אין פאַריז, וואו מען האָט די עלטערן אָפּגעריסן פון זייערע קינדער און אוועקגעטריבן אלס שקלאַפן ; די דער־שטיקטע אין ספּעציעלע גאַז־קאַמערן אין וואַרשע און לובלין ; די דער׳־הרג׳עטע דורך עלעקטרישן שטראָם און אָפּגע׳סמ׳טע מיט כעמישע שטאָפן אין ראַדאָם, לאָדזש און קאַליש.

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן און עס וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן די דערמאָרדעטע אידן, פאַר וועלכע מען האָט געצאָלט צו 50 מאַרק פאַר א בר־מנן, כדי איבעראַרבעטן אים אין זייף, פעטס און באַמיסטיגונג.

„די הונדערטער טויזנטער הרוגים מאָנען אן ענטפער", זאָגט איליא ערענבורג אין זיין אַרטיקל. און ווייטער זאָגט ער „זאָל די וועלט וויסן אַליץ. אין פעאָדאָסיע זיינען געווען 738 אידן. לעבן געבליבן זיינען צוויי אידן. אין קיעוו האָבן די דייטשן דערשאָסן איבער פופציג טויזנט אידן. אין וויטעבסק האָבן זיי זעקס טויזנט אידן באַגראָבן לעבעדיגערהייט אין דער ערד און די ערד האָט צוויי טעג און צוויי נעכט געקרעכצט".

א שטראַל פון ליכט

דער איינציגער שטראַל אין דעם שטאָק־פינצטערן בלוט־ און פיין־קאָשמאַר זיינען די ביישפּילן פון פעלקער־פריינטשאַפט אפילו אין דעם הינטערלאַנד פון די מענטשן־פרעסער.

דערציילט דער מעמאָראַנדום פון דער סאָוועטישער אינפאָרמאַציע־

ביורא: „פיל ליטווישע פויערים, וועלכע שמאכטן אליין אונטער׳ן שווערן יאָך פון די פאַרכאַפּער, געפינען וועגן צו אונטערהאַלטן זייערע אידישע מיטברידער און, ווי ווייט זייערע אייגענע אָרימע מעגלעכקייטן דערלויבן דאָס, באַזאָרגן זיי זיי מיט שפּייז, כאָטש זיי ווייסן, אַז לויט׳ן באַפעל פון די אָקופּאַנטן קומט פאַר אַזאַ מין הילף טויט־שטראָף".

דערציילט איליאַ ערענבורג אין דעם אַרטיקל: „אין ווייסרוסלאַנד האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט דריי רוסישע רויטאַרמייער. מען האָט די רויטאַרמייער באַפוילן: „גראָבט אַ קבר פאַר די אידן". האָ־בען די רוסן געענטפערט: „ניין". דעמאָלט האָבן די דייטשן געזאָגט צו די אידן: „גראָבט אַ קבר פאַר די באָלשעוויקעס". האָבן די אידן גע־ענטפערט „ניין". די דייטשן האָבן דערשאָסן אי די אידן אי די געפאַנ־גענע. אין אָט דער רגע האָבן זיי דערשאָסן דאָס היטלער־דייטשלאַנד. דאָס דאָזיגע לאַנד איז פאַראורטיילט. איבערן היטלער־דייטשלאַנד הענגט די קללה פון אַלע מוטערס. איבערן דאָזיגן לאַנד איז אויפגעהויבן די שווערד פון אַלע פעלקער".

קאַמף, נקמה, מסירת נפש

דער חשבון פון בלוט און פּיין —

די גאַנצע צייטונג „איינקייט" איז אַ חשבון פון בלוט און פּיין —

אָבער אויך פון ווידערשטאַנד, קאַמף, נקמה, מסירת־נפש, העלדיש־קייט און... שטאָלץ!

איז ניט אַ שטאָלץ פאַר אַלע אידן, אַז צווישן די פיל־נאַציאָנאַלע סאָ־וועטישע העלדן פון סטאַלינגראַד, לענינגראַד, סעוואַסטאָפּאָל, אָדעס, קיעוו, רזשעוו און וואָראָניעזש — „אַז צווישן די שעפער פון וואָפן, וואָס שמע־טערן טאָג און נאַכט, אָן אויפהער און אום׳ברחמנות׳דיג, דעם שונא אויף דער יבשה און אין דער לופט, אויפן וואַסער און אונטערן וואַסער, פאַר־נעמען אונזערע מאַקאַבייער דאָס פערטע אָרט צווישן די באַלוינטע מיט העכסטע אויסצייכענונגען פאַר העלדנמוט און שרעקלאָזיגקייט?"

יאָ, מיר זיינען שטאָלץ!

מיר זיינען שטאָלץ מיט די אַכציג אידן צווישן די נייעסטע געווינער פון די סטאַלין־פּרעמיעס.

מיר זיינען שטאָלץ מיט די „באַלוינטע אידן פּאַרטיזאַנער".

מיר זיינען שטאָלץ מיט׳ן אָבערסערדזשאַנט דאָלגיך, מיט׳ן לענינגראַ־דער פּראָפעסאָר זאַלקינדסאָן, מיט׳ן אַלטן אידישן אַרבעטער קאַפּוסטין, מיט׳ן הויפּט־אינזשינער פון דער גרעסטער כעמישער פאַבריק שולמית זילבערשטיין, מיט׳ן גענעראַל־לייטענאַנט יעקב קרייזער, ווי אויך מיט די פען־קינסטלער, און „איינקייט"־קעמפער, ווי שכנא עפּשטיין, נ. אויסלענ־דער, איציק פעפער, דוד בערגעלסאָן און אַלע אַנדערע.

„לייענט מענדעלע׳ס „קליאַטשע" — שרייבט אין „איינקייט" נ.

אויסלענדער — און איר וועט ווידער זיך פארפעסטיגן אין אייער גלויבן, אז אזוינס קאָן ניט, אזוינס וועט ניט געשען: מענטשנפרעסעריי וועט קיינמאָל ניט באהערשן די וועלט".

„איך בין א איד!"

דער חשבון פון בלוט און פיין —

אָבער אויך פון... שטאָלץ פון איציק פעפער'ס „איך בין א איד!" און דוד בערגעלסאָנ'ס „כ'וועל לעבן!", וואָס זיינען געדרוקט אין דער „אייניקייט".

דער וויין פון דורותידיגן דויער
האָט מיך געשטאַרקט אין וואַנדער־וועג,
די בייזע שווערד פון פיין און טרויער
האָט ניט פאַרניכטעט מיין פאַרמעג —
מיין פאָלק, מיין גלויבן און מיין בליען,
זי האָט מיין פרייהייט ניט געשמידט.
פון אונטער שווערד האָב איך געשריען:
איך בין אַ איד!

אויף צו קאָנען שרייען אונטערן שווערד „איך בין א איד!" דארף מען פארמאָגן אין זיך גאָר־גאָר א סך שטאָלץ און גאָר־גאָר א סך ליבע, וואָס זאָל בוכשטעבלעך זיין שטארקער פארן טויט. יאָ, אזעלכע שטאָלצע, שבת־יום טוב'דיגע „גאָלדענע קייט" אידן, אזעלכע מאָדערנע בר־כוכבא'ס און מאקאבייער האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין די סאָוועטישע אידן — ניט געקוקט אויף אַלע פארלוימדונגען.

דאָס ווידער־קול פון חיפהיער האפן
הילכט אָפּ, ווען סיטוט אַ קלונג מיין קול,
די אומבאַמערקטע טעלעגראפן
דערטראָגן מיר דורך ים און טאָל
דעם שלאָג פון האָרץ אין בונעס־איירעס
און פון ניו יאָרק אַ אידיש ליד,
דעם שוידער פון בערלינער גזירות, —
איך בין אַ איד!

איך בין אַ איד, וואָס האָט געטרונקען
פון סטאַליניישן כוס פון גליק,
ווער סיוויל, אַז מאָסקווע זאָל פאַרזינקען,
די ערד פאַרקערעוועו צוריק,
דעם זאָג איך: לא! דעם שריי איך: נידער!
כיגיי מיט די מזרח־פעלקער מיט,
די סלאַוון זיינען מיינע ברידער, —
איך בין אַ איד!

די פּאָעמע פון איציק פעפער, (איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרייהייט זונטאָג, דעם 28טן מערץ) פאַרדינט אן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג פאַר זיך אַליין. כ׳וועל נאָר פאַרענדיגן מיט זיין לעצטן פערז, וואָס איז זייער פאָלקסטימלעך און האָפערדיג:

און אויף צעפּיקעניש די שונאים,
וועל איך אונטער די רויטע פאָנען
נאָך האָבן נחת אָן אַ שיער.
כיוועל מיינע וויינגערטנער פאַרפלאַנצן
און פון מיין גורל זיין דער שמיד,
כיוועל נאָך אויף היטלעריס קבר טאַנצן!
איך בין אַ איד!

און דעם זעלבן „איך בין א איד!״־שטאָלץ און אָפּטימיזם געפינען מיר אין דעם אָפּגעדרוקטן פראגמענט פון דוד בערגעלסאָנ׳ס נייער דראמע „כ׳וועל לעבן!״, וואָס איז אַ נייע קינסטלערישע מדרגה פארן קלאסיקער, ווי פאַר דער סאָוועטישער ליטעראטור, און וועט זיכער זיין אַ שאַרף און מעכטיג געווער אין דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף.

דער רוף צו די אידן פון דער וועלט

דער חשבון פון בלוט און פיין...
אָבער אויך אַ רוף צו העלפן ברענגען דעם נצחון איבער די מענטשן־



ש. מיכאָעלס

פרעסער. — נצחון אָדער אומקום! — אָט ווי די פראגע שטייט פאר אַלע פעלקער און באַזונדערס פאַרן אידישן פאָלק.

כדי צו פאַרלייכטערן דעם סאָוועטן־לאַנד מיט זיין רויטער אַרמיי אין דער שווערסטער אויפגאַבע, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיי אין דעם גי־גאַנטישן קאַמף פאַר באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט פון פאַשיסטישער טיראַניי און זיך צערעכענען, צעצאָלן מיט די הענקער פאַרן חשבון פון בלוט און פיין, זיי משפּט׳ן און באַשטראָפן, איז אָבער אַנטציקונג אָדער גוטער וואונטש אַליין ווייט ניט גענוג. די הילף מוז זיך אויסדריקן אין העלפן באַזאָרגן די רויטע אַרמיי מיט וואָס מער באַוואָפענונג, מעדיקאַמענ־טען און אַלע מעגלעכע נויטיגע מכשירים.

דעריבער רופט אין דער „איינִיקייט” דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָ־מיטעט די אידן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, ווי פון די אַנדערע לענדער, נאָך ברייטער פאַנאַנדערוויקלען די קאַמפּאַניע פאַר געבן כל׳ערליי הילף דער העלדישער רויטער אַרמיי.

:: :: ::

דער חשבון פון בלוט און פיין —

דער גאַנצער נומער 21 פון דער „איינִיקייט” איז אַ חשבון פון בלוט און פיין —

אָבער איבער אַלץ און פאַר אַלץ אַ רוף צו איינִיגקייט פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק אין דער מלחמה געגן די פאַשיסטישע מענטשן־פרעסער, אין דער מלחמה פאַרן לעבן און פאַרן מענטשן.

איינִיגקייט איז איצט בוכשטעבלעך געוואָרן אַ פראַגע פון לעבן און טויט. די גרעסטע איינִיגקייט פון אַלע שיכטן פון דעם אידישן פאָלק געגן זיין גרעסטן דם־שונא. די גרעסטע איינִיגקייט צווישן די אידן פון אַמע־ריקע מיט די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און וואָס מער פריינטשאַפט צווישן די פאַראייניגטע שטאַטן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איצט נויטיג מער ווי ווען עס איז. וועגן דעם זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן ערשט לעצטע וואָך נייע ספּעציעלע רופן פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָ־מיטעט, פון די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו די אידן פון אַמעריקע. און צוליב שמידן די בריק פון אידישער איינִיגקייט און מער פריינטשאַפט צווישן די פאַראייניגטע שטאַטן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט פאַר־רופן דער מיטינג אין ניו יאָרקער קאַרנעגי האָל.

לאָמיר שטאַרקן די הענט פון דער סאָוועט־רעגירונג, פון דער רויטער אַרמיי און אונזערע אידישע גבורים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס פירן פאַר אונז דעם חשבון פון בלוט און פיין, וואָס משפּט׳ן און באַשטראָפן די הענקער פונם אידישן פאָלק!

„מ. פ.”, אַפּריל 4, 1943.

די מיזינקע

„אין די רייען פון דער רויטער ארמיי אויפן פראָנט זיינען פאראַן אַרום דרייסיג באוואוסטע אידישע שרייבער, אָנהויבנדיג פון דוד בערגעלסאָן ביז דער אינגסטער דאָרע כייקינע", — האָט איציק פעפער, ביים צוריקקומען אויף אורלויב פון דעם פראָנט, געזאָגט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „איטא" אין קויבישעוו.

ווען כ'האָב געלייענט די קעיבל, האָבן אין קאָפּ אָנגעהויבן דורכלויפן בילדער פון דוד בערגעלסאָן, פון איציק פעפער, און פון די אַנדערע שרייי-

דאָרע כאַיקינע

בער, וועלכע כ'האָב אַזוי גוט געקענט און געליבט. צום ערשטן מאָל זינט דער מלחמה, איז דערמאָנט געוואָרן דאָרע כייקינע, די מיזינקע פון דער סאָוועטישער אידישער דיכטונג.

און אויך דאָרע כייקינע האָב איך געהאט דעם פאַרגעניגן צו קענען.

מיר האָבן אַ צייט געאַרבעט אונטער איין דאַך אין קיעווער וויסנשאַפט־לעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור (זי האָט דעמאָלט גע־אַרבעט אין דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע).

דאָרע איז געווען אַ שיין מיידל.

זי איז געווען אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיגע, ווי אַ סך אידישע מיידלעך אויפן דרום, אין אוקראַינע: טאַקע געהאַט פעך־שוואַרצע האָר מיט גרויסע שוואַרצע (און אפשר גאָר טונקל־ברוינע) אויגן און געדיכטע שוואַרצע אָראָפּגעלאָזטע וויעס.

דאָרע איז געווען אַ יונג מיידל.

זי איז דעמאָלט אַלט (אָדער יונג) געווען אַ יאָר 18—19. דאָך פלעגט זי רעדן זייער פּאַוואָליע, ווי זי וואָלט געוואויגן יעדעס וואָרט. זי פלעגט אויך גיין מיושב׳דיג־פּאַמעלעך, ווי זי וואָלט געמאָסטן יעדן טראָט. זי פלעגט שמייכלען קאַרג און איינגעהאַלטן. ס׳האָט געווייט פון איר מיט שטילקייט, צאַרטקייט, פאַרטראַכטקייט און באַזאַכטקייט. אַזאַ איז זי פאַר־בליבן אין מיין זכרון.

דאָרע האָט געהאַט אַ פיין־קלינגענדיגע סאָפּראַנאָ־שטימע און אַ וואונדערלעכע דיקציע. כ׳האָב שטאַרק ליב געהאַט זי הערן פאָרלייענען אירע לידער. זי געהערט אַ סך מאָל אין אוידיטאָריע פון אינסטיטוט, אין דער קיעווער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק, אין אידישן קלוב, אויף דער ראַדיאָ און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

מיר געדענקט זיך דער שטאַרקער איינדרוק פון אירער אַ סעריע אַנטי־נאַצישע לידער. אירע לידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פרישקייט, אויפריכטיגקייט, האַרציגקייט, פּרוויאישער צאַרטקייט און מאָ־מעדיגער וואַרימקייט. מיט אַ צוויי יאָר צוריק, דוכט זיך, איז אַרויס פון דרוק איר ערשטלינג־בוך מיט לידער. צום באַדויערן האָב איך עס ניט געזען.

ביי מיר האָב איך אָפּגעזוכט קוים צוויי לידער אירע, טיילווייז אויטאָ־ביאָגראַפישע: „אַ בריוו” (געדרוקט אין „רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַ־טאָר”, אַרויסגעגעבן פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן אין 1933, ניו יאָרק) און „אין וואַרטן” („פאַרמעסט”, דעצ. 1935, קיעוו־כאַרקאָוו).

דער בריוו איז פון אַ חבר׳טע אין כאַרקאָוו, וואָס אַרבעט אויפן „סערפּ און האַמער” טראַקטאָר־זאַוואָד. מיר געפינען דאָרטן די פאָלגנ־דיגע שורות אין פערזן:

מיין לאַנד איז פּופּצן אַלט, און אונז איז שוין צו אַכצן,
ווען מיר וועלן פאַרגיין, וועט לאַנד נאָך אַלץ זיין יונג.
...חבריטע מיין טייערע, כ׳בין דיך אַזוי מקנא,
וואָס דיינע הענט צעבויגן האַרטן שטאָל!

וועבן ליין איז טויזנט מאָל דאָך גרינגער,
ווי בויגן שטאָל, צי שטיין ביי אַ מאַרטען*).
מיין קליינע האַנט, מיט קליינע מיינע פינגער
איך וויל זאָל אויפהויבן
דעם סאַמע שווערסטן שטיין!

...אין אַ מינוט אַ פרייער כ׳לאָז אַראָפּ די וויעס, —
צעבליטע ערד צעשפּרייט זיך אונטער פּיס.
פון וויטן סיקומט אַ יונגער טראַקטאָר,
אויף טראַקטאָר זיצט אַ יונגער טראַקטאָריסט.

אויף ברויגעם לייב — אַ לייוונטענע העמדל,
די העמד כ׳האָב אויסגעוועבט אין זונענדיגן טאָג,
עס ווערט מיין פרייד אַ פלאַטערדיגע פענדל
און אין אָקטאָבער־טאָג, ווי אַ פאָן,
איך וועל עס אויפהענגען אויף דאָג.

אָקטאָבער, האַרבסט, אין קיעוו און אין כאַרקאָוו
נאָר ערד צעשיט זיך הייגט אין פרילינגדיגן צוויט.
אויב מיר וועלן פאַרגיין — וועט ניט פאַרגיין זיין טראַקטאָר,
און מיינע העמדלעך, און אפשר אויך מיין ליד...

יאָ, דאָרע, ס׳איז אַ גוט ליד און וועט לאַנג לעבן. מיר האָבן ניט נאָר אַלעמאָל געפילט, נאָר איצט אויך געזען, אַז דיינע שורות „מיין קליינע האַנט, מיט קליינע מיינע פינגער, איך וויל זאָל אויפהויבן דעם סאַמע שווערסטן שטיין!“ זיינען ניט געווען מליצה, רעטאָריק. ווי די טויזנטער אַנדערע פרויען און מיידלעך פון לענינגראַד און פון מינסק, פון כאַרקאָוו און קיעוו, ביסטו אַוועק אויפהויבן דעם סאַמע שווערסטן שטיין — אויפן שלאַכטפעלד, אויפן פראָנט. זאָל דעריבער זיין געבענטשט דיין קליינע האַנט און דיינע קליינע פינגער, וואָס הויבן איצט דעם סאַמע שווערסטן שטיין אויפן סאַמע שווערסטן פראָנט געגן דעם סאַמע שווערסטן און ערגסטן דם־שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט.

כ׳ווייס ניט פיל פון דאָרע׳ס ביאָגראַפיע. זי איז מסתמא 28 יאָר אַלט. איך ווייס, אַז זי האָט טאַקע אַ צייט געאַרבעט אין קיעוו אַלס אַ וועבערן אָדער שטריקערן. אין 1935 הייראַט זי מיט׳ן יונגן דערציילער

---

*) אויוון, וואָס שמעלצט מעטאַל.

י. פאַליקמאַן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין ביראָ־בידזשאַן. און אין אַ ליד געווידמעט איר מאַן זאָגט זי:

אַ ווייכער, אַ וואַרימער אָוונט.
אַ שטילער, אַ טייערער מאַרט.
דו ביזט ביז ווייטאָג מיר נאָוונט,
איך בין ביז טרערן היינט צאַרט.

באַמערקט די אַליטעראַציעס: ווייכע, וואַרימע, שטילע, צאַרטע בוכשטאַבן — אַלעפן, וואָוון, יודן, איענס, טעסן, נונען. ווייטאָגדיק־נאָענט און רירנדיק־צאַרט. און אַביסל ווייטער אינם ליד: „אויף האַרטע, אויף שטאָטישע שטיינער לייגן זיך צאַרט מיינע טריט". עראָטישקייט, צאַרט־קייט, צאַרטע עראָטיק: אירע טריט ל י י ג ן זיך צאַרט אַפילו אויף די האַרטע שטאָטישע שטיינער. מאַמעדיק־וואַרים, פרויאיש־צאַרט זיינען די נאָכפאָלגנדיגע פערזן:

איך פיל זיך שוין היינט, ווי אַ מאַמע,
סיאיז מערער, ווי זיין נאָר אַ ווייב.
איך האָב עס היינט ערשט פאַרשטאַנען,
ווען אַ קינד כיהאָב דערפילט אין מיין לייב.

ניין, ניט קיין קינד, נאָר אַ ציטער פון אַ לעבן,
וואָס הויבט זיך ערשט אָן,
פיל איך זיך היינט, ווי אַ היטער,
ווי מע וואָלט מיר פאַרטרויען אַ פאָן.

איך האָב קיינמאָל פאַר זיך ניט געציטערט,
און כיבין טייער ביי זיך ניט געווען,
נאָר איך דאַרף איצט מיין קינד דאָך פאַרהיטן,
אַז קיין שלעכטס זאָל מיט אים ניט געשען.

פיל איך זיך שוין, ווי אַ מאַמע, —

זי פילט זיך ווי אַ מאַמע אַפילו צו „אַ ציטער פון אַ לעבן". און ניט אומזיסט איז דאַרע אָוועק צום פראָנט, וואו עס ראַנגלען זיך מיליאָנען לעבנס, מיליאָנען רויטאַרמייער, אירע נאָענטסטע און ליבסטע, וואו מען דאַרף פאַרהיטן מיליאָנען מענטשן־קינדער, אַז קיין שלעכטס זאָל מיט זיי ניט געשען. איצט פילט זי זיך, ווי אַ מאַמע — צו מיליאָנען, צו איר פאָלק און לאַנד, צום גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און העלפט געבוירן אַ גאַנצע נייע וועלט.

אינהאַלט:

אַ בריוו צו די לייענער — 2

די פּען שטייט ניט אָפּ פון דער ביקס — 3

פון אָשר שוואַרצמאַן ביז דאָרע כאַיקינע — 9

אינזשענערן פון נשמות — 12

קיעווער ליטעראַטור־צענטער — 14

אויפבלי פון דער פּראָלעטאַרישער דיכטונג — 23

סטיל פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — 29

בויער פון דער אידישער ליטעראַטור — 32

ביבליאָגראַפישער מאַטעריאַל — 51

שרייבער און ווערק אין די הונדערטער... — 55

פינף מיליאָן אידישע ביכער אין 1940 — 57

העכער דריי מיליאָן ביכער פון שלום עליכם — 62

אין די טעג פון קריג — 65

אין דעם אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור — 68

דער חשבון פון בלוט און פּיין—און אַ רוף צו איינינקייט — 83

די מיזינקע — 92

●

(אויף דער לעצטער זייט פון דער הילע זיינען פאָטאָגראַפירט די שער-בלעטער פון אַ פּעקל סאָוועטישע ליטעראַטור, וואָס איז לעצטנס אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.)